STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02641

VOS IZ BOLSHEVIZM?

Benzion Hoffman

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

וואָס איז באָלשעוויזם?

פון

ד"ר. ב. האָפמאַן (צביון)

אינהאלט

1. ווער זיינען די באָלשעוויקעס?
2. וואָס איז באָלשעוויזם?
3. די סאָוועטען רעגירונג.
4. קאָנסטיטוציע פון דער סאָוועטען רעגירונג.
5. דאָס לאַנד-געזעץ פון דער סאָוועטען רעגירונג.
6. באָלשעוויזם און דעמאָקראַטיע.
7. די רוסישע באָלשעוויקעס און די דייטשע ספּאַרטאַקען.
8. שלוס וואָרט.

ארויסגעגעבען פון דער

אידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע

פון אמעריקא

נויאָרק, 1919.

I

ווער זיינען די באָלשעוויקעם?

„באָלשעוויק“ אין רוסיש מיינט א מיטגליעד אָדער אַן אַנהענגער פון דער מעהרהייט. דער דאָזיגער נאָמען נעהמט זיין אָנפאַנג פון דעם רוסישען סאָציאַל־דעמאָקראַטישען צוזאַמענפאָהר, וועלכער איז אָבגעהאַלטען געוואָרען אין שטאָקהאָלם אין יאָהר 1903. די דעלעגאַטען פון צוזאַמענפאָהר האָבען זיך דאַן צוטיילט איבער דער פראַגע ווער עס קען גערעכענט ווערען אַלס א מיטגליעד פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין רוסלאַנד. לענין איז דאַן אַרויסגעטרעטען פאַר זעהר א שטרענגער קאָנטראָל פון דעם צענטראַל קאָמיטע אין דער פּאַרטיי. לענין'ס פּאָרמולע איז געוועזן, אַז די האַנד פון צענטראַל קאָמיטעט זאָל קענען דערגרייכען יעדען איינצעלנעם מיטגליעד פון דער פּאַרטיי. מאַרטאָוו איז געוועזן געגען אזא איבערטריבענע קאָנטראָל און געגען אזא שטאַרקע צענטראַליזאַציע. די מעהרהייט פון צוזאַמענפאָהר איז דאַן געוועזן מיט לענינען, און מען האָט די מאַיאָריטעט א נאָמען געגעבען „באָלשעוויקעם“ און די מינדערהייט — „מענשעוויקעם“. דער נאָמען איז אָבער שוין אויך געבליבען אויף שפּעטער, ווען לענין מיט זיינע אָנהענגער זיינען געבליבען אין דער מינדערהייט און מאַרטאָוו מיט זיינע אָנהענגער האָבען אריבערגעוואונען אויף זייער זייט די מעהרהייט.

די מיינונגס־פערשיעדענהייט אין דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, וועלכער איז אַרויסגערופען געוואָרען צוליעב דער דערמאָהנטער אָרגאַניזאַציאָנס־פראַגע האָט זיך אָבער ביסלעכווייז ענטוויקעלט אין צוויי שאַרף אויסגעשפּראָכענע געגענזעצטע שטאַנדפּונקטען וועגען די אויפגאַבען פון דער רוסישער רעוואָלוציע אין אַלגעמיין און ווי אַזוי די רעוואָלוציע דאַרף צוגעגרייט ווערען און געפיהרט ווערען. די מיינונגס־פערשיעדענהייטען האָבען זיך זעהר פערשאַרפט אין דער צייט פון דער

ערשטער רוסישער רעוואָלוציע אין יאָהר 1905 און זיינען געוואָרען נאָך שארפער נאָכדעם ווי די ערשטע רוסישע רעוואָלוציע איז אונ־טערדריקט געוואָרען.

די באָלשעוויקעס האָבען בלויז איין מאָל געהאַט די מעהר־הייט, דאָס איז געווען, ווי שוין געזאָגט, אויף דעם שטאָקהאָלמער צוזאַמענפאָהר. שפּעטער זיינען זיי אימער געווען אין דער מינ־דערהייט, און ווען עס האָט אויסגעבראָכען די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד אין מאָנאַט מאַרטש 1917 האָבען די באָלשעוויקעס גע־שפּיעלט א גאַנץ אונבעדייטענדע ראָלע, די הויפּטראָלע האָבען גע־שפּיעלט די סאָציאַליסטען רעוואָלוציאָנערען און די מענשעוויקעס.

די לאַגע אָבער האָט זיך גאַנץ שנעל אָנגעפאַנגען ענדערען. די באָלשעוויקעס האָבען וואָס ווייטער אַלץ מעהר אָנגעפאַנגען געווינען א גרעסערען איינפלוס, און אין אונגעפעהר אין פיער מאָ־נאַט ארום נאָך דעם אָנפאַנג פון דער רוסישער רעוואָלוציע, אין מאָנאַט יולי, האָבען די באָלשעוויקעס שוין געמאַכט א פּראָבע צו פערכאַפּען די רעגירונגס־מאַכט. די באָלשעוויקעס זיינען אָבער דאַן נאָך געווען צו שוואַך זייער פּלאַן דורכצופיהרען און קערענ־סקי׳ס רעגירונג איז נאָך געווען שטאַרק גענוג דעם באָלשעוויסטי־שען אויפשטאַנד צו אונטערדריקען. מעהרערע באָלשעוויסטישע פיהרער זיינען דאַן ארעסטירט געוואָרען, צווישען זיי אויך טראָצקי. לענינען האָט מען זעהר שטאַרק געזוכט צו ארעסטירען, אָבער מען האָט איהם ניט געקענט געפינען. שפּעטער איז טראָצקי ארויס־געלאָזען געוואָרען אויף דריי טויזענד רובעל ערבות (בייל) ביז זיין משפּט, און אזוי שטעהט ער נאָך ביז היינטיגען טאָג אונטער די דריי טויזענד רובעל ערבות, ווייל אונטער דער צייט איז קערענ־סקיס רעגירונג אראָבגעוואָרפען געוואָרען און טראָצקיס משפּט האָט ניט געקענט פאָרקומען. וואָס מיט די דריי טויזענד רובעל איז געוואָרען ווייסען מיר ניט...

אין דער צייט פון גענעראַל קאָרנילאָווס פערשווערונג האָבען די באָלשעוויקעס, אָהן וועלכע עס איז בעדינגונגען, ניט פערזאַמט זיך צו שטעלען אויף דער זייט פון קערענסקיס רעגירונג, כדי צו ראַטעווען די רעוואָלוציע פון דער געפאַהר, וואָס איהר האָט געדראָהט. ווען אָבער קאָרנילאָווס געפּלאַנטע קאָנטר־רעוואָלוציע

איז אונטערדריקט געוואָרען האָבען די באָלשעוויקעס ארויסגע־שטעלט קערענסקין די פאָדערונג, אז ער זאָל מעהר ניט מאַכען קיין חברותא אין זיין רעגירונג מיט די פערטרעטער פון די בור־זשואזע פּארטייען, נאָר ער זאָל צונויפשטעלען א רעגירונג פון די פערטרעטער פון די פערשיעדענע סאָציאליסטישע פארטייען. קע־רענסקי און זיינע אונטערשטיצער האָבען אָבער די דאָזיגע גע־רעכטע פאָדערונג ניט נאָכגעגעבען. קערענסקי איז ווייטער אָנ־געגאַנגען מיט צונויפשטעלען קאָאליציאָנס מיניסטעריומס פון סאָ־ציאַליסטען און קאַדעטען, און די באָלשעוויקעס זיינען ווייטער אָנגעגאַנגען מיט זייער אַרבייט צו געווינען אויף זייער זייט די סאָוועטען. און וואָס מעהר איינפלוס די באָלשעוויקעס האָבען געוואונען אין די סאָוועטען, אַלץ מעהר האָט קערענסקי פערלאָרען דעם באָדען פון אונטער זיינע פיס.

פּראָפעסאָר לאָמאָנאָסאָוו, א מענשעוויק און א געוועזענער פערטרעטער פון קערענסקיס רעגירונג אין אַמעריקאַ, שטעלט פאָר די לאַגע ווי זי האָט זיך ענטוויקעלט אויף דעם פאָלגענדען אופן:

קערענסקיס רעגירונג האָט בעהויפּטעט, אז איהר ציעל איז צונויפצורופען די גרינדונגס־פערזאַמלונג, אָבער זי האָט ניט בעגריפען, אז די גרינדונגס־פערזאַמלונג איז ניט דער ענד־ציעל פון דער רעוואָלוציע נאָר א מיטעל, א מיטעל אויסצודריקען דעם ווילען פון פאָלק און צו לייזען די פּראָבלעמען, וואָס די רעוואָלוציע האָט ארויסגערופען. קערענסקי׳ס רעגירונג האָט געמאַכט דעם גרויסען פעהלער, וואָס זי האָט אָנגענומען די מיטלען אלס דעם ענד־ציעל.

ווען די מערץ־רעוואָלוציע האָט אויסגעבראָכען, זיינען פאַר דעם רוסישען פאָלק געשטאַנען דריי ריעזיג־גרויסע פראַגען:

1. וואָס זאָל מען טהאָן מיט דער מלחמה?
2. ווי זאָל אָרגאַניזירט ווערען די רוסישע מלוכה?
3. ווי זאָל מען מאַכען א סוף צום הונגער און צו דעם עקאָ־נאָמישען צוזאמענברוך?

די גרינדונגס־פערזאַמלונג האָט געדאַרפט צונויפגערופען ווע־רען אין צעהן חדשים ארום. אפילו אין פריעדליכע נאָרמאַלע צייי־טען קען מען ניט אָבשטעלען דעם לעבענס־גאַנג אויף צעהן חדשים,

בפרט נאך אין דער צייט פון א רעוואלוציע, ווען דער פולס פון לעבען שלאגט אזוי שנעל און די פאסירונגען ענטוויקלען זיך אזוי געשווינד. עס איז זעלבסטפערשטענדליך, אז קערענסקי האט נים געקענט אבשטעלען די ראד פון רוסישען לעבען פאר צעהן חדשים. נים קוקענדיג אויף דעם, וואס קערענסקים רעגירונג האט אלע פראגען געוואלט אבלעגען פאר דער גרינדונגס־פערזאמלונג, איז זי דאך געווען געצוואונגען מאנכע פראגען אליין צו ענטשיידען.

מיר נעהמען, צום ביישפיעל, די מלחמה. איז עס אפשר געווען מעגליך צו זאגען צו די דייטשען: „ווארט, געעהרטע הערען, שיסט נים ביז די גרינדונגס־פערזאמלונג וועט זיך צונויפקומען, ווארום די גרינדונגס פרזאמלונג דארף ענטשיידען אויב מיר זאלען אייך מאכען ווייטער דעם טויט אדער ניט” ?

עס איז אבער זעלבסטפערשטענדליך, אז אן ענטשיידונג וועגען דער מלחמה האט גלייך געמוזט געגעבען ווערען, מען האט דעם ענטפער נים געקענט אבלעגען ביז דער גרינדונגס־פערזאמלונג. די פראוויזארישע רעגירונג האט גאנץ גוט פערשטאנען, אז א הונגעריגע, בארועסע רוסלאנד מיט דיסארגאניזירטע אייזענבאהנען קען נים פיהרען קיין מלחמה. די געהיימע אבמאכען צווישען צאר ניקאלאוי אן די עליים האבען זיכער קיין מאראלע בעדייטונג נים געקענט האבען פאר א פרייער רוסלאנד. די אומשטענדען און די ווירדע פון רוסלאנד האבען, אלזא, געפאדערט, אז די פראוויזארישע רעגירונג זאל אויף א גאנץ פריינדליכען אבער אויך אויף א גאנץ פעסטען אופן געבען די עליים צו פערשטעהן, אז אויב זיי וועלען רוסלאנד נים געבען די נויטיגע באלדיגע הילף, וועט זי זיין געצוואונגען צו שליסען א סעפאראטען פריעדען. רוסלאנד האט נאך דאן געהאט א גרויסע ארמעע און די דייטשען וואלטען דאן געצאהלט א הויכען פרייז פאר א סעפאראטען פריעדען. די יונגע רוסישע מיניסטארען און אמבאסאדארס אבער, אנשטאט צו נעהמען א פעסטע שטעלונג, האבען זיך געבוקט פאר די עליים און האבען זיי פערזיכערט, אז רוסלאנד וועט קיין מאל נים מאכען קיין סעפאראטען פריעדען. נאר ווען די עליים האבען געקראגען אזא פערזיכערונג, ווארום האבען זיי זיך געדארפט איילען געבען רוסלאנד מאטריעלע הילף ? דאס אייגענע העמד איז נעהנטער

צום לייב. אונטערדעסען אבער איז די רוסישע ארמעע געווארען אלץ קלענער און קלענער — דער הונגער האט זיי ארויסגעטריבען פון די טראנשעען.

די פערוואלטונג פון רוסלאנד האט מיט זיך פארגעשטעלט אן עהנליך בילד. די מלוכה פראבלעמען האבען ניט געקענט אב־געלעגט ווערען ביז די גרינדונגס־פערזאמלונג וועט צונויפגערופען ווערען. דורך די מאכט פון די צושטענדען איז די פראוויזארישע רעגירונג געווען געצוואונגען צו דולדען די סאוועטען; און ניט בלויז האט זי זיי געמוזט דולדען, נאר זי האט געמוזט זעהר אויפמערקזאם אויסהערען זייערע פערלאנגען און אלס רעזולטאט ערקלערען רוסלאנד אלס א רעפובליק. דער דאזיגער שריט האט אבער אהן צווייפעל אונטערגעגראבען דעם פרעסטיזש פון דער גרינדונגס־פערזאמלונג און דעם גלויבען אין איהר נויטווענדיג־קייט. עס איז אמת, אז פאר דעם דארף מען די פראוויזארישע רעגירונג ניט טאדלען, איהר פעהלער איז אבער בעשטאנען אין דעם, וואס זי איז געבליבען הינטער דעם שטראם פון לעבען און הינטער די ערווארטונגען פון פאלק. וואס זיינען געווען די דאזיגע ערווארטונגען? — די קאפיטאליסטען און די אינטעליגענציע, אונגעפעהר אנדערטהאלבען פראצענט פון רוסישען פאלק האבען געחלומ'ט צו פערכאפען די פאליטישע מאכט. די פויערים, וועלכע זיינען 75 פראצענט פון דער בעפעלקערונג, האבען געווארט אויף לאנד; די סאלדאטען, אונגעפעהר 10 פראצענט פון דער בעפעל־קערונג, האבען געווארט אויף פריעדען, כדי זיך אומצוקעהרען אהיים צו זייערע פאמיליען; און צולעצט די ארבייטער, ווידער אונגע־פעהר 10 פראצענט פון דער בעפעלקערונג, האבען געווארט צו קריעגען די קאנטראל איבער דער אינדוסטריע.

איצט קומט דאס דריטע פראבלעם — מאכען א סוף צום הונגער און רעארגאניזירען דאס עקאנאמישע לעבען פון לאנד. די פראוויזארישע רעגירונג האט אויף דעם געביעט גארנישט געטהאן, און די צושטענדען זיינען וואס ווייטער אלץ געווארען ערגער.

די פראוויזארישע רעגירונג האט פערשפראכען אלץ, אבער האט קיין זאך ניט געגעבען. זי האט יעדע זאך געהייסען אבלעגען ביז די גרינדונגס פערזאמלונג וועט צונויפגערופען ווערען. אבער

די פויערים און די ארבייטער האָבען ניט געוואָלט ווארטען. זיי האָבען געהאַלטען, אז עס וועט זיין גלייכער צו פערווירקליכען זייער פערלאַנג צו קריעגען ערד און די קאָנטראָל איבער די פאַב־ריקען וואָס שנעלער, טאָקע באַלד דורך רעוואָלוציאָנערע מיטעל. זיי האָבען זיך געזאָגט: „אזוי וועט זיין א סך זיכערער. היינט האָבען מיר די מאכט אין אונזערע הענד, אָבער וואָס מאָרגען וועט זיין, ווייסען מיר ניט". די באָלשעוויקעס האָבען די לאַגע גוט פערשטאַנען און אויף דעם האָט זיך אויך בעגרינדעט זייער טעאָריע פון „פערטיעפען די רוסישע רעוואָלוציע", וואָס דאָס מיינט די באַלדיגע פערווירקליכונג פון די פערלאַנגען פון פאָלק דורך רעוואָ־לוציאָנערע מיטלען. און אין דעם ליעגט טאָקע אויך דער ערפאָלג פון די באָלשעוויקעס.

נאָך פריהער איידער די באָלשעוויקעס האָבען אין נאָוועמבער, 1917, געמאַכט זייער ערפאָלגרייכע רעוואָלוציע, האָט שוין קערענ־סקיס פּראָוויזאָרישע רעגירונג פערלאָרען איהר מאַכט און איהר אויטאָריטעט. דער פרעסטיזש פון יעדע מאכט קען אימער אמ־בעסטען געמאָסטען ווערען דורך די קרעפטען וועלכע שטעהען ארום איהר זי צו שיצען און צו פערטיידיגען. קערענסקיס רע־גירונג האָט אָבער נאָר געקענט קריעגען פאר איהר שוץ די יונקערס (די שילער פון די מיליטער־שולען), א ביסעל קאָזאקען און דעם ווייבערשען באטאַליאָן. און קיינער קען ניט זאָגען, אז די באָל־שעוויסטישע רעוואָלוציע איז געקומען אונערוואַרטעט, אז קערנסקי האָט זיך ניט געקענט צו איהר צוגרייטען איהר צו בעגעגענען. גראָד אין גגענטייל: די באָלשעוויקעס האָבען גאַנץ אָפען און ברייט בעקאַנט געמאַכט מיט צוויי וואָכען אין פאָרויס, אז זיי גרייטען זיך צו פערכאַפּען די מאַכט. קערענסקיס רעגירונג האָט, אלזאָ, צייט געהאַט זיך צוצוגרייטען צו בעגעגענען דעם אָנגריף פון די באָלשעוויקעס. זי האָט אָבער ניט געקענט. און דאָס איז דער בעסטער בעוויז, אז זי האָט ניט געהאַט קיין גרעסערע פערטיידי־גונגס קרעפטען און ניט מעהר פּאָפּולאַריטעט, ווי די רעגירונג פון דעם צאַר, וועלכער איז געפאַלען ביי דעם ערשטען ענטשיידענעם אָנגריף אויף איהר.

מיר האָבען דאָ איבערגעגעבען די מיינונג פון א טעאָרעטישען

נעננער פון די באָלשעוויקעס ווי אזוי די ענטוויקלונג פון דער רו־סישער רעוואָלוציע אונטער דער רעגירונג פון קערענסקי האָט אונ־פערמיידליך געפיהרט דערצו, אז די באָלשעוויקעס זאָלען קענען אריינקריגען די מאכט אין זייערע הענד. פראָפעסאָר לאָמאָנאָסאָוו האָט זיכער ניט געהאַט די אבזיכט צו מאָלען די לאגע אזוי, אז זי זאָל ארויסקומען גינסטיג פאר די באָלשעוויקעס. ער גיט דאָ בלויז איבער די פאקטען אין זייער נאטירליכען צוזאמענהאנג און דער רעזולטאט קומט ארויס פון זיך.

אין דעם אָנפאנג פון דער רוסישער רעוואָלוציע זיינען, ווי שוין פריהער דערמאָנט, די מענשעוויקעס און די סאָציאָליסטען־רעוואָלוציאָנערען געווען אין דער מאכט, אָבער זיי האָבען ניט גע־וואוסט וואָס צו טהאָן מיט דער מאכט, וואָס זיי האָבען געקראָגען אין זייערע הענד. זיי האָבען זיך אליין דערשראָקען פאר דער מאכט, וואָס זיי האָבען געקראָגען.

אלע סאָציאַל־דעמאָקראטען אין רוסלאנד, סאַי די באָלשעווי־קעס, סאַי די מענשעוויקעס, האָבען די גאנצע צייט פאר דער רוסישער רעוואָלוציע געלערנט דעם רוסישען ארבייטער־קלאַס די פרינציפען פון מארקסיסטישען סאָציאַליזם וועגען די דיקטאַטור פון פראָלעטאריאַט, וועגען עקספּראָפּראַאירען די עקספּראָפּריאַ־טאָרס און וועגען איינפיהרען א געזעלשאפטליכע אָרדנונג, וואו עס זאָל ניט עקזיסטירען קיין עקספּלאָאטאציע און קיין פּריוואַט איי־גענטום, נאָר ווען עס איז געקומען דערצו, ווען דער פּראָלעטאריאַט האָט געקענט פערכאַפּען די מאכט, איינפיהרען זיין דיקטאַטור און פּראָבירען דורכפיהרען דאָס, וואָס מען האָט איהם די גאנצע צייט געלערנט, האָבען זיך די מענשעוויקעס דערשראָקען. זיי האָבען אָנגעפאנגען צו ערקלערען די ארבייטער, אז עס נאָך ניט געקומען די צייט, אז אין רוסלאנד איז נאָך דער קאַפּיטאַליזם ניט גענוג ענטוויקעלט, אז די איצטיגע רעוואָלוציע איז בלויז א בורזשואזע און אז די סאָציאַלע רעוואָלוציע פון פּראָלעטאריאַט דאַרף ערשט קומען שפּעטער. אָבער די ארבייטער האָבען ניט געקענט פער־שטעהן די דאָזיגע טעאָריע פון די מענשעוויקעס. זייער פשוט׳ער גראַדער שכל האָט זיי געזאָגט, אז ווען זיי האָבען די מאכט אין זייערע הענד זאָלען זיי זיך מיט איהר בענוצען און טאקע מאכען

א פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע און ניט קיין בורזשואַזע. די אַר־בייטער, האָבענדיג די מאַכט אין זייערע הענד, האָבען בשום אופן ניט געקענט פערשטעהן ווארום זיי זאָלען זי איבערגעבען אין די הענד פון דער בורזשואַזיע. מען האָט די אַרבייטער געזאָגט, אַז מען טאָר ניט מאַכען קיין ריזיקאַלישע עקספּערימענטען מיט דער רעוואָלוציע, אָבער איז דען ניט די גאַנצע רעוואָלוציע א רי־זיקאַלישער עקספּערימענט? איז דען וועלכע עס איז רעוואָלוציע געווען א פּאָלשטענדיגע זיכערע אונטערנעהמונג? א רעוואָלוציע איז אימער א געוואַגטע, ריזיקאַלישע אונטערנעהמונג, מען איז ביי קיין רעוואָלוציע אין פאָרויס ניט געווען זיכער, אַז זי וועט זיך איינגעבען. און ווייל א רעוואָלוציע איז א ריזיקאַלע אונ־טערנעהמונג זיינען טאַקע די אַרבייטער די יעניגע, וועלכע מאַכען דעם ריזיקאַלישען שריט, ווייל ריזיקירען קענען אַמבעסטען אַזעלכע, וועלכע האָבען קיין זאַך ניט צו פערלירען.

די באָלשעוויקעס זיינען געווען אויסגעהאַלטען. זיי האָבען גערעדט צו דעם אַרבייטער אין א שפּראַך, וועלכע ער פערשטעהט. זיי האָבען צו איהם גערעדט אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע דיזעלביגע ווערטער, וועלכע זיי האָבען צו איהם גערעדט פאַר דער רעוואָלוציע. זיי האָבען צו איהם גערעדט וועגען פערכאַפּען די פּאָליטישע מאַכט, וועגען דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט, וועגען עקספּראָפּריאירען די עקספּראָפּריאַטאָרס און וועגען איינפיה־רען דעם סאָציאַליזם אויף א רעוואָלוציאָנערען אופן — ווערטער, וועלכע זיינען דעם רוסישען בעוואוסטזיניגען אַרבייטער געווען גוט בעקאַנט פון פאַר דער רעוואָלוציע און וועלכע ער האָט אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע אָנגעפאַנגען נאָך בעסער צו פערשטעהן.

אויף דער פראַגע: „ווער זיינען די באָלשעוויקעס?“, קען, אַלזאָ, געגעבען ווערען דער פאָלגענדער קורצער ענטפער: די באָל־שעוויקעס זיינען די יעניגע סאָציאַליסטען אין רוסלאַנד, וועלכע האָבען פערשטאַנען, וואָס דאָס רוסישע פאָלק פערלאַנגט, וועלכע זיינען געווען אויסגעהאַלטען אין זייער סאָציאַליסטיש־רעוואָלו־ציאָנערע אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדאַ, און וועלכע האָבען ריכטיג אָבגעשאַצט די כוחות פון דער רוסישער רעוואָלוציע און זיי גע־וואוסט ווי אויסצונוצען פאַר׳ן פאָלק.

II

וואָס איז באָלשעוויזם?

באָלשעוויזם איז ניט קיין נייע סאָציאַליסטישע טעאָריע, נאָר די פּראַקטישע דורכפיהרונג אין לעבען די אַלטע סאָציאַליסטישע טעאָריע.

באָלשעוויזם איז איבערהויפּט ניט קיין טעאָריע, באָלשעוויזם איז אַ מעטאָדע ווי אַזוי איינצופיהרען סאָציאַליזם אין לעבען.

באָלשעוויזם איז דער פּראַקטישער סאָציאַליזם, דער סאָציאַליזם פון היינט און ניט פון דעם ווייטען צוקינפטיגען מאָרגען.

אַלע סאָציאַליסטען גלויבען, אַז דער סאָציאַליזם מוז קומען און מוז איינגעפיהרט ווערען. דאָס האָט שוין איצט אפילו אָנגעפאַנגען גלויבען די בורזשואזיע אַליין. די פראַגע איז אָבער: ווען דאַרף דער סאָציאַליזם קומען און ווען קען ער איינגעפיהרט ווערען אין לעבען?

עס זיינען פאַראַן „צוקונפט סאָציאַליסטען" אָדער „משיח סאָציאַליסטען", וועלכע לעגען אָב דעם סאָציאַליזם אויף דער וויי־טער צוקונפט, אויף משיח'ס צייטען. זיי גלויבען, אַז זיי זיינען טעאָרעטישע, וויסענשאַפטליכע סאָציאַליסטען, ווייל זיי האַלטען זיך פעסט פאַר די ווערטער, וועלכע זיי האָבען געלייענט אין סאָציאַ־ליסטישע ביכער, און אין די סאָציאַליסטישע ביכער, זאָגען זיי, שטעהט געשריבען, אַז מען קען נאָך אין רוסלאַנד ניט איינפיהרען קיין סאָציאַליזם, אַז צוערשט מוז זיך אין רוסלאַנד ענטוויקלען דער קאַפּיטאַליזם און ערשט דאַן, ווען דער קאַפּיטאַליזם וועט שוין אין רוסלאַנד זיין גוט ענטוויקעלט, וועט דער ארבייטער קלאַס קענען מאַכען אַ רעוואָלוציע און איינפיהרען דעם סאָציאַליזם.

אין דער אמת אָבער שטעהט אַזוינס ניט געשריבען אין די סאָציאַליסטישע ביכער. די וויסענשאַפטליכע טעאָריע פון סאָציאַ־ליזם זאָגט אונז בלויז, אַז די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפטליכע אָרדנונג וואַקסט ארויס פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפטלי־

בער אָרדנונג, אַז נאָך דעם קאַפּיטאַליזם מוז קומען סאָציאַליזם, אַז דער אַרבייטער קלאַס, דער פּראָלעטאַריאַט, וועלכער איז געשאַפען געוואָרען דורך דער ענטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם, מוז ווערען דער קברן, דער בעגראָבער פון קאַפּיטאַליזם. עס שטעהט אָבער אין ערגעץ ניט געשריבען ווי גרויס און ווי ברייט דער קאַפּיטאַליזם דאַרף זיך ענטוויקלען, אַז דער פּראָלעטאַריאַט זאָל זיך קענען נעה־מען גראָבען דעם קבר פאַר איהם.

און ווער קען איבערהויפּט זאָגען ווען דער קאַפּיטאַליזם אין וועלכען עס איז לאַנד איז שוין פאַרטיג פאַר דער קבורה? אַט איז אין אַמעריקא דער קאַפּיטאַליזם שוין זעהר גוט ענטוויקעלט, און דאָך וויל דער סאָציאַליזם אין אַמעריקא נאָך אַלץ ניט קומען. דער קאַפּיטאַליזם אין אַמעריקא איז פאַרטיג פאַר זיין קבורה, לויט אַלע סאָציאַליסטישע טעאָריען, אָבער זיין קברן, דער אַמעריקאַנער פּראָלעטאַריאַט, איז נאָך ניט פאַרטיג זיך צו נעהמען פאַר דער לאָפּעטע.

דער סאָציאַליזם מוז זיכער קומען. ער מוז קומען, ווייל די גאַנצע ענטוויקלונג פון דער מענשליכער געזעלשאַפט טרייבט דערצו, אַז ער זאָל קומען; דער קאַמף צווישען קאַפּיטאַל און אַרבייט, דער קלאַסען־קאַמף, וועלכער קען ניט אָבגעשטעלט ווערען און קען ניט פערמידען ווערען, ווי לאַנג עס עקזיסטירט אַ קאַפּיטאַליסטישער קלאַס און אַן אַרבייטער קלאַס, אַ קלאַס פון עקספּלאָאַטאַטאָרס און אַ קלאַס פון עקספּלאָאַטירטע — אַט דער אונפערמיידליכער קאַמף טרייבט דערצו, אַז דער סאָציאַליזם זאָל קומען. די פראַגע איז אָבער: ווען?

רוהיגע טעאָרעטיקער, וועלכע זיצען אין זייערע קאַבינעטען און שטודירען, האָבען געדולד צו וואַרטען. דער סאָציאַליזם וועט שוין קומען, זאָל זיך נאָר דער קאַפּיטאַליזם וואָס שטאַרקער און וואָס גרעסער ענטוויקלען, זאָל דער קאַפּיטאַליזם נאָר דערגרייכען זיין העכסטע שטופע פון ענטוויקלונג און ער וועט דאַן מוזען צו־בּריבּרעכען. די ענטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם איז זיין אייגענער מלאך המות, וואָס גרעסער דער קאַפּיטאַליזם ווערט אַלץ שטאַרקער מאַכט ער זיין מלאך למות, וואָס וועט מאַכען אַ סוף צו איהם.

אָבער ווען וועט זיין דער סוף? — מען דאַרף האָבען געדולד.

אין דער וועלט־געשיכטע שפּיעלען עטליכע הונדערט יאָהר ניט קיין זעהר גרויסע ראָלע. ביי גאָט איז טויזענד יאָהר בלויז איין טאָג. פאַר אַ יחיד, פאַר אַן איינצעלנעם איז, אמת, דאָס צו לאַנג צו וואַרטען, ער קען אונטער דער צייט גאָר אוועקשטאַרבען. אָבער דאָ האַנדעלט זיך דאָך ניט וועגען איינצעלנע מענשען, נאָר וועגען דער מענשליכער געזעלשאַפט, וועלכע לעבט אויביג, טאָ וואָס פאַר אַ ווערט האָבען צעהנדליגע יאָהרען אָדער זאָגאַר הונדערטע יאָהרען אין דער אויבינגקייט?...

נאָר קען מען אפשר אונטערשטופּען די מענשליכע געשיכטע און די געזעלשאַפטליכע ענטוויקלונג, אַז זי זאָל זיך אַ ביסעל שנעלער בעוועגען? — אָט טאַקע וועגען דעם האַנדעלט עס זיך.

באמת גלויבען אַלע סאָציאַליסטען אין דעם, אַז מען קען אונטערשטופּען די מענשליכע געשיכטע, אַז זי זאָל געהן אַ ביסעל גיכער. אייגענטליך אין דעם בעשטעהט דאָך אונזער סאָציאַליסטישע טהעטיגקייט, אונזער סאָציאַליסטישע אַרבייט, וואָס מיר ווילען מקרב זיין דעם קץ, וואָס מיר ווילען זיך ניט פערלאָזען אויף דער נאַטירליכער לאַנגזאַמער ענטוויקלונג, מיר ווילען אַז די ענטוויקלונג זאָל מאַכען שנעלערע שריט און מיר לעגען צו אונזערע פּלייצעס צו דעם וואָגען פון דער געשיכטע, אַז ער זאָל גיכער פאָהרען. ווארים אויב מען זאָל זיך פערלאָזען אויף דעם נאַטירליכען גאַנג פון דער געשיכטע, דאַן וואָלטען מיר דאַרפען זיצען מיט פערלעגטע הענד און וואַרטען ביז דער סאָציאַליזם וועט קומען מיט דער נאַטירליכער ענטוויקלונג. מיר זיינען דאָך זיכער, אַז דער סאָציאַליזם מוז קומען, ווייל דער קאַפּיטאַליזם אַליין פיהרט דאָך אונפערמיידליך צו דעם, אַז ער זאָל קומען. טאָ צו וואָס פערשווענדען אַזוי פיעל ענערגיע אויף אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע? איז דער תירוץ: עס איז טאַקע אמת, אַז דער סאָציאַליזם וועט קומען אָהן אונזער אַגיטאַציע און אָהן אונזער פּראָפּאַגאַנדע, אָבער מען וועט דאַרפען אויף איהם צו לאַנג וואַרטען און מיר וואָלטען וועלען, אַז ער זאָל גראָד קומע וואָס פריהער. מיט אונזער אַרבייט בעשאַפען מיר ניט דעם סאָציאַליזם, נאָר מיר פערשנעלערען זיין קומען. מען קען זאָגען, אַז די בעוואוסטזיניגע סאָציאַליסטישע אַרבייט איז געגליכען צו דער אַרבייט פון אַ הייבאַם אָדער פון אַ

דאקטאר אקושאר. די הויבאם אדער דער דאקטאר וואס נעהמט אב דאס קינד ביי א געווינערין, האט ניט געבראכט דאס קינד אויף דער וועלט. דאס קינד וואלט געבארען געווארען סאי ווי סאי. נישט מעהר די געבורט וואלט געדויערט לענגער. די הויבאם אדער דער דאקטאר האבען פערשנעלערט די געבורט, דאס קינד איז שנעלער געקומען אויף דער וועלט. דאסזעלבע איז די ארבייט פון די סאציאליסטען, זיי ווילען פערשנעלערען די געבורט פון סאציאליזם, זיי ווילען איהם גיכער בריינגען אויף דער וועלט.

נאר אויב מען קען יא אונטערשטופען דעם וואגען פון דער געשיכטע, אז ער זאל גיכער פאהרען, טא ווארום ניט פרובירען זיך אנטהאן א כח און איהם געבען א שטארקערען שטופ, אז ער זאל געבען א געהעריגערען פאהר פארויס? — ענטפערען געדולדיגע, פארזיכטיגע סאציאליסטען, אז עס איז א געפאהר. פון א צו שארקען שטופ קען דער וואגען ארייגקירעווען אין א גראבען און זיך איבערקעהרען אויף זיינע שטופער.

זאגט אבער לענין וועגען די דאזיגע פארזיכטיגע סאציאליסטען דאס פאלגענדע:

„דער גרויסער רוסישער רעוואלוציאנער טשערנישעווסקי האט אמאל געזאגט: פאליטישע טהעטיגקייט איז ניט אזוי גלאט ווי די טראטוארען פון נעווסקי פראספעקט. יענער איז ניט קיין רעוואלוציאנער, וועלכער וויל האבען די רעוואלוציע פון דעם פראלעטאריאט בלויז אונטער דער בעדינגונג, אז זי זאל ארויסגעהן גלאט און אין פולער ארדנונג, אז א גאראנטיע געגען א נידערלאגע זאל איהם געגעבען ווערען אין פארויס, אז מען זאל איהם זיכערען, דאס די רעוואלוציע וועט געהן פארווערטס מיט דעם ברייטען, פרייען, גראדען וועג צום זיעג, אז מען זאל אין ערגעץ ניט דארפען בריינגען קיין שווערע קרבנות“.

(א בריעף צו די אמעריקאנער ארבייטער פון נ. לענין.)

עס וואלט ווירקליך זיין א גאנץ קליינע העלדישקייט צו מאכען א רעוואלוציע האבענדיג אין פארויס א זיכערע גאראנטיע, אז זי וועט זיך קרוינען מיט אן ערפאלג. דערצו דארף מען קיין רעוואלוציאנער ניט זיין. נאר ווייל א רעוואלוציע איז פערבונדען מיט שווערע קרבנות, ווייל א רעוואלוציע איז א ריזיקאלישע אונטער־

נעהמונג, וועלכע קען זיך פונקט אזוי ענדיגען מיט א נידערלאגע, ווי מיט אן ערפאָלג, דארף מען צו איהר האָבען רעוואָלוציאָנערען, וועלכע האָבען מוט, דרייסטקייט און אָפּפערוויליגקייט.

ווען מיר שטופען דעם וואגען, אז עס זאָל גיכער פאָהרען, ווייסען מיר קיין מאָל ניט, אויב מיר שטופען איהם ניט צו שטארק. מיר האָבען ניט אזא מאָס אין אונזער האנד צו בעשטימען אויף זיכער אויף וויפיעל מיר קענען שטופען די מענשליכע געשיכטע פאָרויס, אויף וויפיעל אונזערע רעוואָלוציאָנערע אָנשטרענגונגען זיינען זיכער און וואו דער פונקט פון געפאהר פאנגט זיך אָן.

נאָר קען מען שוין היינט איינפיהרען אין רוסלאנד א סאָציאַליסטישע געזעלשאפטליכע אָרדנונג? — ניין, היינט קען מען נאָך ניט. מען קען איבערהויפט ניט איינפיהרען די סאָציאליסטישע געזעלשאפטליכע אָרדנונג מיט איין מאָל ניט אין א וואָך, ניט אין א חדש און ניט אין א יאָהר. עס דארף נעהמען א רעכט לאנגע צייט ביז מען בייט איבער איין געזעלשאפטליכע אָרדנונג אויף א צווייטע. עס דארף נעהמען צייט ביז מען צוברעכט און וואָרצעלט אויס די קאפיטאַליסטישע געזעלשאפט און עס דארף נעהמען צייט ביז מען בויט אויס און אָרגאניזירט די סאָציאַליסטישע געזעלשאפטליכע אָרדנונג. נאָר כדי צו צוברעכען די אַלטע אָרדנונג און אָנצופאנגען בויען א נייע, מוז מען צו אַלער ערשט האָבען, אז די רעגירונגס־מאכט זאָל זיך געפינען אין די הענד פון פּראָלעטאריאט. דאָס איז דער ערשטער גרויסער וויכטיגער שריט אויף דעם וועג צו פערווירקליכען דעם סאָציאַליזם.

און ניט בלויז אין רוסלאנד, נאָר אין קיין לאנד קען מען ניט איינפיהרען דעם סאָציאַליזם אין איין טאָג. די בורזשואזיע קעמפט פאר איהר עקזיסטענץ, זי צייגט ארויס א ווידערשטאנד אפילו נאָכדעם ווי זי איז בעזיעגט. זי ווענדעט אָן אַלע מיטלען צו שטערען דעם ארבייטער קלאס אויסצונוצען דעם זיעג. זי ווענדעט אָן מיטלען פון סאבאטאזש צו דיסאָרגאניזירען די אינדוסטריע, אָנצומאכען א כאאָס אין לאנד און טהאָן אַלע מעגליכע שאָדענס, וואָס נאָר איהר איז מעגליך. אפילו ווען דער ארבייטער־קלאס האט שוין געוואונען די רעגירונגס־מאכט דארף ער נאָך אָנפיהרען א לאנגען קאמפף צו מאכען די בורזשואזיע אין גאנצען אונשעדליך,

פאַלשטענדיג צו ברעכען איהר ווידערשטאַנד, כדי ער זאָל רוהיג קענען אָנפאַנגען זיין שאַפונגס־ארבייט אויפצובויען אַ נייע גע־זעלשאַפטליכע אָרדנונג אויף די חורבות פון די אַלטע.

אין רוסלאַנד איז גראָד דער ארבייטער־קלאַס אין אַ גינסטיגערע לאַגע. די בורזשואַזיע אין רוסלאַנד איז אַ שוואַכע און האָט נישט קיין פיעל כוחות ארויסצואווייזען אַ שטאַרקען ווידערשטאַנד. צו־ליעב דעם, וואָס אין רוסלאַנד איז דער קאַפּיטאַליזם נאָך נישט שטאַרק ענטוויקעלט, איז אויך נישטאָ קיין שטאַרקער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס וואָס זאָל קענען אָנפיהרען אַ שטאַרקען ווידערשטאַנדס־קאַמפף. דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס אין רוסלאַנד האָט דערי־בער געקענט לייכטער בעזיעגט ווערען און זיין ווידערשטאַנדס־קראַפט קען לייכטער געבראָכען ווערען. דאָך אָבער פיהרט אויך אַט דער דאָזיגער שוואַכער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס אין רוסלאַנד אַ פערצווייפעלטען קאַמפף פאַר זיין עקזיסטענץ.

ניין, נישט אין איין טאָג קען דער סאָציאַליזם איינגעפיהרט ווערען, אָבער אום ער זאָל ענדליך דאָך איינגעפיהרט ווערען, און וואָס שנעלער, מוז מען מאַכען דעם ערשטען ווייכטיגסטען אָנפאַנג. מען מוז אַוועקלעגען דעם פונדאַמענט פון סאָציאַליזם, אויף וועלכען די גרויסע, הערליכע סאָציאַליסטישע געביידע דאַרף אויסגעבויט ווערען.

דער באָלשעוויזם וויל איינפיהרען דעם סאָציאַליזם אויף אַ רעוואָלוציאָנערען וועג, דורך די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט. זייער צוועק איז נישט בלויז דורכצופיהרען אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע אין רוסלאַנד אַליין, נאָר אויך אין אַנדערע לענדער. זיי גלויבען, אַז אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע אין רוסלאַנד מוז אויפוועקען דעם אַרבייטער־קלאַס אויך אין אַנדערע לענדער, אַז ער זאָל טהאָן דאָסזעלבע, וואָס דער רוסישער פּראָלעטאַריאַט. און וואָס מעהר אַזעלכע רע־וואָלוציעס וועלען זיך פערשפּרייטען אין אַנדערע לענדער, אַלץ לייכטער און שנעלער וועט דער סאָציאַליזם קענען איינגעפיהרט ווערען.

דער באָלשעוויזם האָט דעם פונדאַמענט פון סאָציאַליזם אין רוסלאַנד אַוועקגעלעגט. ער האָט איינגעפיהרט די הערשאַפט פון פּראָלעטאַריאַט אין רוסלאַנד.

III

די סאָוועטען רעגירונג

ווי אזוי ווערט אין רוסלאַנד דורכגעפיהרט די הערשאַפט פון פּראָלעטאַריאַט?

זי ווערט דורכגעפיהרט דורך די סאָוועטען.

די סאָוועטען זיינען אַ נייע פאָרם פון דעמאָקראַטיע, וועלכע זיכערט די הערשאַפט פון ארבייטער קלאַס.

די סאָוועטען רעגירונג איז ניט געגרינדעט אויף דעם גרונד פון פּאָליטישע גרופּען נאָר אויף אינדוסטריעלע אָרגאַניזאַציאָנען. זי ווערט ניט געוועהלט פון פּאָליטישע פּאַרטייען, נאָר פון אינדוס־טריעלע איינהייטען, פון יוניאָנס, פון קאָאָפּעראַטיוון, פון פויערים פעראיינען, פון פאַבריק אָרגאַניזאַציעס א. אז. וו. די סאָוועט רע־גירונג איז ניט קיין פּאָליטישע דעמאָקראַטיע, נאָר אַן א י נ ד ו ס־ט ר י ע ל ע ד ע מ אָ ק ר אַ ט י ע.

די דעלעגאַטען צו די סאָוועטען ווערען געוועהלט פון די אר־בייטער אין די פאַבריקען, פון יוניאָנס, פון די פויערים אין די דערפער, פון לעהרער אָרגאַניזאַציעס, פון אינזשענערען־פעראיינען און פון אַלע אנדערע פערשיעדענע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע בעשטע־הען פון פיזישע אָדער גייסטיגע ארבייטער. דערצו וועהלען דע־לעגאַטען די סאָלדאַטען און די מאַטראָזען דורך זייערע אָרגאַני־זאַציאָנען. די מיטגליעדער פון די סאָוועטען מעגען בעלאַנגען צו וועלכער פּאַרטיי זיי ווילען, אָדער זיי מעגען צו קיין פּאַרטיי ניט בעלאַנגען. אין די סאָוועטען זיינען היינט די באָלשעוויקעס די מאַיאָ־ריטעט, בלויז צוליעב דעם וואָס די מעהרהייט פו די ארבייטער און די פויערים זיינען פאַר די באָלשעוויקעס.

די וואהלען פון דעלעגאַטען צו די סאָוועטען זיינען העכסט איינפאַך. זיי קומען פאָר אין דער פאַבריק גופא, וואו די ארבייטער זיינען בעשעפטיגט. עס ווערט דורך די פאַבריק־פייפעל געגעבען אַ סיגנאַל, אז אַ פערזאַמלונג פון די פאַבריק־ארבייטער דאַרף אָב־

געהאַלטען ווערען. די אַרבייטער שטעלען אָב די אַרבייט, פער־זאַמלען זיך אויף איין פּלאַץ און וועהלען דעלעגאַטען. עס פאַר־שטעהט זיך, אַז דערביי קומט פאָר אַ דעבאַטע וועגען די פאָדערונ־גען פון די אַרבייטער און זייערע מיינונגען, וועלכע די געוועהלטע דעלעגאַטען דאַרפען פערטרעטען. די יוניאָנס וועהלען דעלעגאַטען אויף זייערע יוניאָן פערזאַמלונגען און אַזוי טהוען די פעראיינען פון לעהרער, פון אינזשענערען א. אַז. וו.

וואהל־רעכט האָבען אַלע מענער און פרויען, וועלכע לעבען פון זייער אייגענער אַרבייט. עס האָבען אָבער ניט קיין וואַהל־רעכט אַלע די, וועלכע לעבען פון די אַרבייט פון אַנדערע. עקס־פּלאַטאַטאָרס און פראָפיטען־מאַכער האָבען ניט קיין שטימרעכט. מען קען רעכענען, אַז איבער 95 פּראָצענט פון דער רוסישער בע־פעלקערונג האָט שטימרעכט, און די איבריגע 5 פּראָצענט קען צו יעדער צייט קריגען שטימרעכט, ווען זיי וואַרפען אַוועק זייער פּאַ־ראַזיטען לעבען און פאַנגען אָן לעבען פון אייגענער אַרבייט. אַ סך האָבען אַזוי שוין געטהאָן, ווייל זיי האָבען קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט, זיי האָבען געמוזט ווערען אַרבייטער, און די איבעריגע וועלען עס שפּעטער מוזען טהאָן.

און טרעפט עס, אַז וועלכער עס איז פון די געוועהלטע דעלע־גאַטען האַנדעלט ניט אין איינקלאַנג מיט די מיינונגען און פער־לאַנגען פון זיינע וועהלער, ווערט ער אויף אַ גאַנץ איינפאַכען אופן צוריקגעצויגען און אַן אַנדערער ווערט געוועהלט אויף זיין פּלאַץ. מען דאַרף ניט וואַרטען ביז ער וועט ענדיגען זיין טערמין און עס זיינען ניט נויטיג קיין גרויסע צערעמאָניעס און פּראָצעדורעס צוריקצוציהען אַזאַ דעלעגאַט פון סאָוועט. עס ווערט פּשוט פער־רופען אַ פערזאַמלונג, אויף וועלכער עס ווערט ערקלערט, אַז דער געוועהלטער דעלעגאַט האַנדעלט ניט אין איינקלאַנג מיט די מיינונ־גען פון זיינע וועהלער, און מען וועהלט אויס אַן אַנדערען אויף זיין פּלאַץ. איינפאַך, שנעל און גערעכט.

די אָרטיגע סאָוועטען פערוואַלטען די שטעדט, די דערפער, אָדער בעצירקען, וואו זיי זיינען געוועהלט געוואָרען, און די אָרטיגע סאָוועטען ערוועהלען דעם אַל־רוסישען סאָוועט, וועלכער פערוואַל־

טעט די אַלגעמיינע אַנגעלעגענהייטען פון לאַנד, און וועלכער דאַרף זיך פערזאַמלען אין מאָסקווע ניט ווענינער ווי צוויי מאָל אַ יאָהר.

דער אַל־רוסישער סאָוועט פערהאַנדעלט אויף זיינע צוזאַמענ־קונפטען אַזעלכע פראַגען, וועלכע זיינען נוגע דאָס גאַנצע לאַנד, ווי פראַגען פון מלחמה און פריעדען, בעציהונגען מיט פרעמדע לענ־דער, סאָציאַליזאַציע פון לאַנד, פון פאַבריקען, באַנק־געשעפטען א. אז. וו. ווען דער אַל־רוסישער סאָוועט האָט פערענדיגט די ארבייט פון זיין צוזאַמענפאָהר, וועהלט ער אויס אַ צענטראַלע עקזעקוטיווו קאָמיטע פון 200 מיטגליעדער, צו וועלכער עס ווערט איבערגעגעבען די דורכפיהרונג פון די אַנגענומענע בעשליסע, ארויסצוגעבען נויטיגע פעראָרדנונגען און געזעצען צווישען איין צוזאַמענפאָהר פון אַל־רוסישען סאָוועט ביז׳ן אַנדערען, אַנצושטעלען אָדער אַראָבצוזעצען די פאָלקס־קאָמיסאַרען (מינסטאָרען) און צו קאָנטראָלירען זייער טהעטיגקייט (די איינצעלהייטען וועגען דער אָרגאַניזאַציאָן, רעכט, פערטרעטערשאַפט און וואַהלען פון די סאָוועטען וועט דער לעזער געפינען אין אַ שפּעטערדיגען קאַפּיטעל, וואָס ענטהאַלט די קאָנ־סטיטוציע פון דער רוסישער סאָוועטען רעגירונג).

דאָס געהאַלט פון אַ פאָלקס־קאָמיסאַר איז איצט 600 רובעל אַ מאָנאַט און 100 רובעל אַ מאָנאַט עקסטראַ פאַר יעדען מיטגליעד פון זיין פאַמיליע, וואָס קען ניט פערדיענען. לענין׳ס פרוי האָט אַ שטעלע אין בילדונגס־דעפּאַרטמענט און זי פערדיענט פאַר זיך, דעריבער קריעגט לענין, דער פּרעמיער־מיניסטער פון רוסלאַנד, ניט מעהר ווי 600 רובעל אַ מאָנאַט. טראָצקי, דער קריעגס־ און פלאָ־טען־מיניסטער פון רוסלאַנד, קריעגט אָבער 900 רובעל אַ מאָנאַט, ווייל ער האָט צוויי קלענערע קינדער און זיין פרוי דאַרף זיי ער־ציהען. ער קריעגט דעריבער עקסטראַ 100 רובעל אַ מאָנאַט פאַר זיין פרוי און 200 רובעל פאַר זיינע צוויי קינדער. מען דאַרף דערביי ניט פערגעסען, אַז 600 רובעל האָט איצט אין רוסלאַנד ניט קיין גרעסערען, אפשר נאָך אַ קלענערען, ווערט ווי 60 דאָלאַר אין אמעריקא, און אַז אַ דורכשניטליכער ארבייטער אין רוסלאַנד פערדיענט איצט פיעל מעהר ווי 600 רובעל אַ מאָנאַט.

די סאָוועטען־רעגירונג האָט איינגעפיהרט אַזאַ קליינעם גע־האַלט פאַר איהרע בעאַמטע, ערשטענס צוליעב דעם, אַז עס זאָל

ניט זיין קיין גרויסער אונטערשייד צווישען דעם לעבען פון א רע־גירונגס־בעאמטען, ווי הויך זיין אמט זאָל ניט זיין, און צווישען א דורכשניטליכען ארבייטער, צווייטענס האט זי געוואָלט פערמיי־דען א געיעג נאָך רעגירונגס־שטעלען און אָבשלאָגען דעם חשק צו מאַכען א מאַטעריעלע קאַריערע פון אן עפענטליכען אמט.

די סאָוועטען רעגירונג איז אין פולען זין אן ארבייטער־רעגי־רונג. די צונויפשטעלונג פון די סאָוועטען איז אזעלכע, אז אלע צווייגען פון דער אינדוסטריע און ארבייט זיינען אין זיי פערטרע־טען. דאָס קומט דערפון וואָס די וואַהלען צו די סאָוועטען קומען הויפּטזעכליך פאָר אויף אן אינדוסטריעלען יסוד, אויף דעם גרונד פון בעשעפטיגונגען און ניט אויף דעם גרונד פון פּאָליטישע פּאַר־טייען.

דער ציעל פון דער סאָוועטען רעגירונג איז ניט די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט, נאָר די אָבשאַפונג פון וועלכער עס איז דיקטאַ־טור. דער ציעל פון די סאָוועטען איז אָבצושאַפען קלאַסען־הער־שאַפט, אָבצושאַפען דעם קלאַסען־קאַמף און די צוטיילונג פון דער מענשליכער געזעלשאַפט אין פערשיעדענע עקאָנאָמישע און סאָציאַ־לע קלאַסען. דער ציעל איז, אז עס זאָל בלויז זיין איין קלאַס, א געזעלשאַפט אין וועלכער אלע ארבייטען און אלע זיינען עקאָנאָמיש און סאָציאַל גלייך, אָהן הערשער און אָהן בעהערשטע. די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט איז א מ י ט ע ל דעם דאָזיגען ציעל צו ער־רייכען. מיט דער הילף פון דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט וויל די סאָוועטען־רעגירונג איינפיהרען די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט אין רוסלאַנד, א געזעלשאַפט, וועלכע וועט זיין פריי פון יעדער דיקטאַטור, און אין וועלכער עס וועט זיין ניט קיין בורזשואַזיע און ניט קיין פּראָלעטאַריאַט, נאָר אן ארבייטענדע מענשהייט, וועלכע וועט זיך אליין רעגירען און וועלכע וועט געניסען די פולע פרוכט פון איהר ארבייט.

איהר סאָציאַליזירונגס־ארבייט האט די סאָוועטען רעגירונג אָנ־געפאַנגען מיט דער צוטיילונג פון די ערד צווישען די פויערים (זעה קאַפּיטעל „דאָס רוסישע לאַנד־געזעץ") און אוועקשטעלענדיג די גרויסע פאַבריקען און די קויהלען און מינעראַל גרובען אונטער דער קאָנטראָל פון די ארבייטער. די ערד איז ניט אוועקגעגעבען

געוואָרען צו די פויערים אַלס זייער אייגענטום. די ערד איז דאָס אייגענטום פון דער גאַנצער נאַציאָן. די פויערים האָבען בלויז בעקומען דאָס רעכט צו בעאַרבייטען די ערד און צו געניסען די פולע פרוכט פון זייער אַרבייט. זיי האָבען געקראָגען גענוג ערד צו בעאַרבייטען, און ווי לאַנג זיי בעאַרבייטען די ערד, וואָס זיי האָבען געקראָגען, האָבען זיי אַלע רעכטען אויף איהר, ווען זיי הערען אָבער אויף זי צו בעאַרבייטען פערלירען זיי זייער רעכט אויף איהר.

די פאַבריקען זיינען ניט אוועקגעגעבען געוואָרען צו די אַרבייטער אַלס זייער אייגענטום, זיי זיינען בלויז געשטעלט געוואָרען אונטער זייער קאָנטראָל. אַ געוועהלטע קאָמיטע פון די ארבייטער נעהמט אַן אָנטייל אין דער פערוואַלטונג פון דער פאַבריק אָדער האָט די גאַנצע פערוואַלטונג אויף איהרע הענד.

וועגען דער קאָנטראָל פון די אַרבייטער איבער די פאַבריקען און מינען שרייבט דער אַמעריקאַנער זשורנאַליסט אַלבערט ר. וויליאַמס, וועלכער האָט פערבראַכט אַ לענגערע צייט אין רוסלאַנד אונטער דער סאָוועטען רעגירונג, דאָס פאָלגענדע:

ווען די ארבייטער האָבען איבערגענומען די קאָנטראָל איבער די פאַבריקען און מינען, האָבען זיי אָנפאַנגס געמאַכט פיעל פעהלער. דורך דעם מאַנגעל אין ערפאַהרונג און טעכנישע קענטניס זיינען ארויסגעקומען אַ סך פּלאָנטערס. אָבער די ארבייטער האָבען שנעל געלערנט, און פיעלע פאַבריקען האָבען אין אַ געוויסער צייט אָרום אָנגעפאַנגען ארויסצוגעבען אַ סך מעהר פּראָדוקטען, ווי פריהער.

אַזוי באַלד ווי די ארבייטער האָבען זיך איבערציינגט, אַז די פאַבריקען זיינען ווירקליך אין זייערע הענד, איז פאָרגעקומען אַ גרויסע ענדערונג אין זייערע געדאַנקען. אונטער דער רעגירונג פון קערענסקי פלעגען די אַרבייטער שטרעבען אויסצוקלייבען אַ פאָרמאַן, וואָס זאָל זיי לאָזען טהאָן וואָס זיי ווילען. אונטער זייער אייגענער רעגיערונג אָבער, אונטער דער סאָוועט־רעגירונג, האָבען זיי אָנגעפאַנגען אויסצוקלייִמען פאָרלייט אַזעלכע, וועלכע זאָלען האַלטען דיסציפּלין אין דער פאַבריק און זאָל פערגרעסערען די פּראָדוקציאָן. אין דעם זאָגענאַנטען „אַמעריקאַנער זאוואָד“ אין וולאַדיוואָס־

טאָק, פלעגען צונויפגעשטעלט ווערען די רעדער, ראהמען און ברעמ־זען פון די וואגאָנען פאר דער טראנס־סיבירער אייזענבאהן. אין דער צייט פון קערענסקים רעגירונג איז דער דאָזיגער זאוואָד געווען א נעסט פון כסדר'דיגע אונרוהען. די 6 טויזענד ארבייטער, וועלכע זיינען דאָרט געווען בעשעפטיגט, פלעגען ארויסגעבען נים מעהר ווי 18 וואגאָנען א טאָג.

ווען די רעגירונג פון קערענסקי איז געפאלען, האָט א קאָמיטעט פון סאָוועט רעאָרגאניזירט דעם זאוואָד, האָט אריבערגעפיהרט די ארבייטער פון דאָרטען אין אנדערע אונטערנעהמונגען און האָט דעם וואגאָן זאוואָד אָנגעפאנגען בעטרייבען מיט בלויז 18 הונדערט ארבייטער. אָבער די 18 הונדערט ארבייטער פלעגען ארויסגעבען 12 וואגאָנען א טאָג, אנשטאָט וואָס די פריהערדיגע 6 טויזענד אר־בייטער פלעגען ארויסגעבען בלויז 18 וואגאָנען.

נאָר וועגען דעם ערפאָלג אָדער מיסערפאָלג פון דער סאָציאליזי־רונג פון די פאבריקען, וואָס די סאָוועט־רעגירונג האָט אָנגעפאנגען דורכפיהרען איז נאָך איצט צו פריה צו ריידען. די סאָוועטען רע־גירונג ארבייטער אונטער די דענקבארסטע שווערסטע בעדינגונגען. זי איז ארומגערינגעלט מיט שונאים פון אלע זייטען, שונאים פון אינווענינ און פון אויסווענינ. זי האָט נאָך קיין צייט ניט געהאט פריי אָבצוכאפען דעם אָטעם, זי דארף פיהרען א קאמפף אויף אלע פראָנטען. און אלעם וואָס זי טהוט איז אזוי ניי, אזוי ריעזיג גרויס, אז פעהלערען זיינען אונפערמיידליך.

אין זיין בריעף צו די אמעריקאנער ארבייטער שטעלט זיך לענין בעזונדערס אָב אויף די פעהלערען פון דער סאָוועטען רעגי־רונג. ער זאָגט צווישען אנדערעם דאָס פאָלגענדע:

זאָל די בורזשואזע פרעסע אויספויקען איבער די גאנצע וועלט יעדען פעהלער, וואָס די רוסישע רעוואָלוציע האָט געמאכט. מיר האָבען קיין מורא ניט פאר אונזערע פעהלער. דער אָנפאנג פון דער רעוואָלוציע האָט נאָך ניט געמאכט די מענשהייט פאר אונ־פעהלבאר. מען קען ניט ערווארטען, אז דער ארבייטער קלאס, וועל־כער איז עקספּלאָאטירט געוואָרען פאר הונדערטער יאָהרען און איז געהאלטען געוואָרען אין די צוואנגען פון נויט, אונוויסענהייט און ערנידערונג פאר אזוי פיעל דורות, זאָל פיהרען די רעוואָלוציע אָהן א

שום פעהלער. דער טויטער קערפער פון דער בורזשואזער געזעל־שאפט קען ניט אזוי איינפאך אריינגעלעגט ווערען אין א טרונע און בעגראָבען ווערען. עס ליעגט און פוילט צווישען אונז, ער פערגיפטעט די לופט, וועלכע מיר אָטהעמען און ער פעראונרייניגט אונזער לעבען.

נאָר פאר יעדע הונדערט פון אונזערע פעהלערן, וועלכע ווערען אויסגעפויקט איבער דער וועלט דורך דער בורזשואזיע און איהרע אונטערלעקער, זיינען פאראן צעהן טויזענד גרויסע טהאטען פון העלדענטום, און זיי זיינען נאָך גרעסער און העלדישער דערמיט, וואָס זיי זעהען אויס אזוי איינפאך און אָהן פרעטענזיעס, וויל זיי קומען פאָר אין דעם טאָג־טעגליכען לעבען פון די פאבריק דיסטריק־טען אָדער אין די פערוואָרפענע דערפער, און ווייל דאָס זיינען טהאטען פון מענשען, וועלכע זיינען ניט איינגעוואָהנט צו לאָזען וויסען די וועלט פון זייער יעדע ערפאָלג און וועלכע האָבען אויך ניט די מעגליכקייט עס צו טהאָן.

נאָר ווען אפילו דאָס אומגעקערטע זאָל זיין ריכטיג—איך וויס, זעלבסטפערשטענדליך, אז דאָס איז ניט אזוי — און אפילו מיר וואָלטען געמאכט 10 טויזענד פעהלער פאר יעדע הונדערט קלוגע און רעכטע טהאטען, אויך דאן וואָלט אונזער רעוואָלוציע געווען גרויס און אונבעזיעגבאר. און זי וועט בלייבען אין דער וועלט־געשיכטע אלס אונבעזיעגבאר. צום ערשטען מאָל אין דער גע־שיכטע פון דער וועלט האָט ניט די מינדערהייט, ניט בלויז די רייכע און געבילדעטע, נאָר דיווירקליכע מאסען, די ריעזיגע מאַ־יאָריטעט פון דעם ארבייטער־קלאס, זיך גענומען בויען א נייע וועלט און לעזען די שווערסטע פראגען פון סאָציאלער אָרגאניזאציאָן מיט זייער אייגענער ערפאהרונג.

יעדער פעהלער, וואָס ווערט געמאכט אין דער דאָזיגער אר־בייט, אין דער דאָזיגער עהרליכער, געוויסענהאפטער מיטארביי־טערשאפט פון מיליאָנען איינפאכע ארבייטער און פויערים איבער־צובויען זייער לעבען פון יסוד אויס — יעדער פון אזעלכע פעהלער איז ווערט טויזענדע מיליאָנען פון די „פעהלערלאָזע" ערפאָלגען פון דער עקספּלאָאטירענדער מינאָריטעט, וועלכע ביטרעוועט אריבער און נארט אָב די ארבייטענדע מאסען. און נאָר דורך די דאָזיגע

פעהלער קענען די ארבייטער און די פויערים לערנען צו ארגאניזי־רען זייער נייע עקזיסטענץ און אויסצוקומען אהן דעם קאפיטאליס־טישען קלאס.

פעהלערען ווערען געמאכט פון אונזערע פויערים, וועלכע האָ־בען מיט איין קלאפ, אין די נאכט פון דעם 25טען אקטאבער ביז דעם 26טען אקטאבער, 1917, אפגעשאפט דאס פריוואט אייגענטום פון לאנד און מאטערען זיך איצט מאנאטען פאר מאנאטען, אונטער די גרעסטע שוועריגקייטען, אויסצובעסערען זייערע פעהלערען, זיי שטרענגען אן אלע זייערע קרעפטען צו לעזען אין דער פראקטיק די שווערסטע פראבלעמען פון ארגאניזירען א נייע סאציאלע מלוכה, זיי קעמפען געגען די פראפיטען־מאכער, כדי צו פערזיכערען דאס לאנד פאר די וואס בעארבייטען איהר און צו שאפען א סיסטעם פון קאמוניסטישע לאנד־ארבייט אויף א גרויסען מאסשטאב.

פעהלערען זיינען געמאכט געווארען דורך אונזערע ארבייטער אין זייער רעוואלוציאנערער טהעטיגקייט. זיי האבען אין עטליכע מאנאטען צייט פאקטיש פערוואנדעלט אלע גרויסע פאבריקען פון לאנד אין פאלקס־אייגענטום, און זיי לערנען איצט פון טאג צו טאג, אונטער די גרעסטע שוועריגקייטען, צו פיהרען די פערוואלטונג פון גאנצע אינדוסטריען, זיי צו רעארגאניזירען און צו ברעכען דעם ווידערשטאנד פון פוילקייט, פון קליין־בירגערליכע רעאקציע און עגאאיזם. זיי לעגען א שטיין נאך א שטיין אויסצובויען דעם פונ־דאמענט פאר א נייע געזעלשאפט, פאר זעלבסט־דיסציפלין פון אר־בייט און פאר נייע פרינציפען פון ארבייטער ארגאניזאציאנען, דורך וועלכע זייערע מיטגליעדער זאלען רעגיערט ווערען.

מיט די לעצטע ווערטער בריינגט לענין ארוים דעם געדאנק, אז צווישען אלע אנדערע גרויסע שוועריגקייטען, וואס די רעוואלוציע אין רוסלאנד דארף בייקומען, עקזיסטירט אויך די גרויסע שווערע אויפגאבע צו ערציהען דעם ארבייטער־קלאס גופא און איהם צופאסען צו דער נייער ארדנונג. עס איז דעם ארבייטער קלאס געבליבען א טרויעריגע ירושה פון זיין שקלאפישען לעבען. עס זיינען פאראן צווישען איהם עלעמנטען מיט א קליין־בירגערליכע פסיכאלאגיע, מיט אן איינגעווארצעלטען עגאאיזם, פוילקייט און דיסציפלינלא־זיגקייט. עס דארף נעהמען צייט ביז דאס וועט איבערגעמאכט ווערען.

די קאָנסטיטוציע פון דער סאָוועטען רעגירונג

דאָס פאָלגענדע איז א ווערטערליכע איבערזעצונג פון דער קאָנסטיטוציע, וואָס די סאָוועטען רעגירונג אין רוסלאַנד האָט אָנגענומען:

קאָנסטיטוציע

(גרונד געזעץ)

פון דער רוסישער סאָציאַליסטישער פעדעראַטיווער סאָוועטען רעפּובליק.

רעזאָלוציע פון דעם 5טען אַל־רוסישען קאָנגרעס פון סאָוועטען אָנגענומען געוואָרען דעם 10טען יולי, 1918.

די דעקלאַראַציע פון רעכטען פון די ארבייטענדע און עקספּלאָאטירטע מאַסען (גוט געהייסען אויף דעם דריטען אַל־רוסישען סאָוועטען קאָנגרעס אין יאַנואַר 1918), צוזאַמען מיט דער קאָנסטיטוציע פון דער סאָוועטען רעפּובליק, וועלכע איז אָנגענומען געוואָרען אויף דעם 5טען קאָנגרעס, שטעלען צוזאַמען דעם גרונד געזעץ פון דער רוסישער סאָציאַליסטישער פעדעראַטיווער סאָוועטען רעפּובליק.

דיעזער גרונד געזעץ געהט אריין אין קראַפט אזוי שנעל ווי ער ווערט אָבגעדרוקט אין דער „איזוועסטיאַ פון דער אַל־רוסישער צענטראַלער עקזעקוטיווע". דאָס מוז איבערגעדרוקט ווערען אין אַלע אָרגאַנען פון דער סאָוועטען רעגירונג און מוז אויסגעקלעפּט ווערען אויף אָנגעזעהענע פּלעצער אין יעדער סאָוועטען אינסטיטוציאָן

דער 5טער קאָנגרעס אינסטרואירט דער פאָלקס קאָמערסאַריאַט

פון בילדונג צו זעהן, אַז אין אַלע שולען און בילדונגס אַנשטאַלטען זאָל מען שטודירען און ערקלערען די גרונד פּרינציפּען פון דער קאָנסטיטוציע.

אַרטיקעל 1

דעקלאַראַציע פון רעכטע פון די אַרבייטענדע און עקספּלאָאַטירטע מאַסען.

ערשטער קאַפּיטעל.

1. רוסלאַנד ווערט פּראָקלאַמירט אַלס א רעפּובליק פון סאָוועטען פון אַרבייטער, סאָלדאַטען און פּויערים דעפּוטאַטען. די גאַנצע צענטראַלע און לאָקאַלע מאַכט בעלאַנגט צו די סאָוועטען.

2. די רוסישע סאָוועטען רעפּובליק איז אָרגאַניזירט אויף דעם באַזיס פון א פרייער פּאַראייניגונג פון פרייע נאַציאָנען, אַלס א פעדעראַציע פון נאַציאָנאַלע סאָוועטען רעפּובליקען.

צווייטער קאַפּיטעל.

3. האָבענדיג אין זינען אַלס די הויפּט אויפגאַבע די אָבשאַפונג פון עקספּלאָאַטאַציאָן פון איין מענשען דורך א צווייטען, די פאָלשטענדיגע אָבשאַפונג פון דער איינטיילונג פון פאָלק אין קלאַסען, די אונטערדריקונג פון עקספּלאָאַטאָרס, די גרינדונג פון א סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט און דעם זיעג פון סאָציאַליזם אין אַלע לענדער, בעשליסט ווייטער דער דריטער אַל־רוסישער קאָנגרעס פון סאָוועטען פון אַרבייטער, סאָלדאַטען און פּויערים דעפּוטאַטען:

א. כדי צו פערווירקליכען די סאָציאַליזאַציע פון לאַנד ווערט יעדע פּריוואַט אייגענטהום אויף לאַנד אָבגעשאַפט. דאָס גאַנצע לאַנד ווערט ערקלערט אַלס נאַציאָנאַלע אייגענטהום און ווערט פערטיילט ווערען צווישען די וואָס בעאַרבייטען די ערד אָהן וועלכע עס איז בעלאָהנונג צו די פריהערדיגע אייגענטימער. יעדער ערד אַרבייטער וועט קריגען בלויז אַזוי פיעל ערד וויפיעל ער קען בעאַרבייטען.

ב. אַלע וועלדער, נאַטירליכע רייכטהימער און אַלע וואַסערען

פון אלגעמיינעם געזעלשאפטליכען געברויך, אלע ארבייטס־מיטעל, לעבעדיגע אָדער ניט לעבעדיגע, מוסטער פארמס און אגריקולטורעל־אונטערנעהמונגען ווערען ערקלערט אלס נאַציאָנאלע אייגענטהום.

ג. אלס דעם ערשטער שריט צום פאָלשטענדיגען איבערגאנג פון פריוואט אייגענטהום רעכט צו דער סאָוועטען רעפובליק פון אלע פאבריקען, זאוואָדען, מינען, אייזענבאהנען און אלע אנדערע מיט־לען פון פראָדוקציאָן און פארקעהר, בעשטעטיגט דער קאָנגרעס דעם סאָוועטען געזעץ, וועגען ארבייטער קאָנטראָל און וועגען דער גרינדונג פון העכסטען סאָוועט פון נאַציאָנאלער עקאָנאָמיע, כדי צו פערזיכערען די מאכט פון די ארבייטער איבער די עקספּלאָאטאַ־טאָרס.

ד. וואס אנבעלאנגט אינטערנאציאָנאלע באנק און פינאנץ אנגעלעגענהייטען, דיסקוטירט דער דריטער סאָוועטען קאָנגרעס דעם דעקרעט וועגען ענטזאגען זיך צו צאָהלען די חובות, וואס זיי־נען געמאכט געוואָרען פון דער צארען רעגירונג, פון די גרויסע לאנד־אייגענטהימער און פון דער בורזשואזיע, און ער האָפט, אז די סאָוועטען רעגירונג וועט שטרענג געהן אין דער ריכטונג ביז דעם ענדליכען זיעג פון דער אינטערנאציאָנאלער ארבייטער רעוואָ־לוציע געגען דער אונטערדריקונג פון קאפּיטאל.

ה. דאס איבערגעהן פון אלע באנקען אין אייגענטום פון דער ארבייטער און פויערים רעגירונג, אלס איינע פון די בעדינגונגען פון דער בעפרייאונג פון די ארבייטענדע מאסען פון דעם יאָך פון קא־פּיטאל, ווערט בעשטעטיגט.

ו. די אלגעמיינע פליכט צו ארבייטען ווערט אייגעפיהרט מיט דעם צוועק אויסצוראטען די פּאַראזיטישע שיכטען פון דער געזעלשאפט און צו אָרגאניזירען דעם עקאָנאָמישען לעבען פון לאנד.

ז. כדי צו זיכערען דעם ארבייטער קלאס דעם בעזיץ פון פו־לער מאכט און כדי צו בעזייטיגען יעדע מעגליכקייט, אז די מאכט זאָל זיך ווידער צוריקקעהרען צו די עקספּלאָאטאטאָרס, ווערט גע־אָרדערט, אז אלע ארבייטער זאָלען ווערען באוואפענט און אז א סאָציאליסטישע רויטע ארמעע זאָל אָרגאניזירט ווערען און אז דער קלאס פון אייגענטהימער זאָל ענטוואפענט ווערען.

דריטער קאַפּיטעל.

4. אויסדריקענדיג דעו פעסטען בעשלוס צו בעפרייען די מענשהייט פון די צוואַנגען פון קאַפּיטאַל און אימפּעריאַליזם וועלכע האָבען פערפלייצט די וועלט מיט בלוט אין דער איצטיגער העכסט פערברעכערישע פון אַלע מלחמות, שטימט דער דריטער סאָוועטען קאָנגרעס פאָלשטענדיג איין מיט דער סאָוועטען רעגירונג מיט איהר טאַקטיק אָבצוברעכען די געהיימע אָבמאַכונגען און צו אָרגאַניזירען אויף א גרויסען מאַסשטאַב ברידערליכע פריינדשאַפט פון די אַרבייטער און פויערים פון קריעגס־פיהרענדע אַרמעען און צו אָנוועגדען אַלע קרעפטען צו שליסען אַן אַלגעמיינעם דעמאָקראַטישען פריעדען אָהן אַנעקסיעס, אָדער געלד שטראַפען, אויף דעם גרונד פון פרייער זעלבסטבעשטימונג פון פעלקער.

5. דער דריטער קאָנגרעס פון די סאָוועטען שטרעבט אויף צו דעם ציעל צו מאַכען אַן ענד צו דער באַרבאַרישער פּאָליטיק פון דער בורזשואַזער ציוויליזאַציאָן, וועלכע גיט די מעגליכקייט צו עקספּלאָאַטאַטאָרס פון עטליכע אויסערוועהלטע נאַציאָנען צו פערשקלאַפען הונדערטער מיליאָנען פון דער אַרבייטענדער בעפעלקערונג פון אַזיען, פון די קאָלאָניעס, און פון די קליינע לענדער בכלל.

6. דער דריטער סאָוועטען קאָנגרעס בעגריסט די האַנדלונג פון דעם ראַטה פון פּאָלקס קאָמיסאַרען פאַר זיין פּראָקלאַמירען די פולע אָבהענגיגקייט פון פינלאַנד, פאַר זיין צוריקציהען די רוסישע סאָלדאַטען פון פערסיען, און פאַר זיין פּראָקלאַמירען דאָס רעכט פון אַרמעניען אויף זעלבסטבעשטימונג.

פיערטער קאַפּיטעל.

7. דער דריטער אַל־רוסישער קאָנגרעס פון די סאָוועטען פון אַרבייטער, סאָלדאַטען און פויערים דעפּוטאַטען גלויבט אַז איצט, אין דער צייט, ווען עס קומט פאַר די ענטשיידענע שלאַכט צווישען דעם פּראָלעטאַריאַט און זיינע עקספּלאָאַטאַטאָרס, קענען די עקספּלאָאַטאַטאָרס ניט פאַרנעהמען קיין אַמט אין וועלכען עס איז צווייג פון דער סאָוועט רעגירונג. די מאַכט מוז בעלאַנגען אין גאַנצען צו די אַרבייטענדע מאַסען און צו זייערע בעפאָלמעכטיגטע פאַרטרעטער — צו די סאָוועטען פון אַרבייטער, סאָלדאַטען און פויערים דעפּוטאַטען.

8. אין דעם פערזוך צו בעשאפען א פרייען און פרייוויליגען און אויך א פאָלשטענדיגען און געזיכערטען בונד צווישען די אר־בייטער פון אלע פעלקער אין רוסלאנד, עטאבלירט דער דריטער סאָ־וועטען קאָנגרעס בלויז די פונדאמענטאלע פרינציפען פון דער פע־דעראציע פון רוסישע סאָוועטען רעפובליקען, איבערלאָזענדיג צו די ארבייטער און צו די פויערים פון יעדער נאציאָן צו בעשטימען ביי די זיצונגען פון זייערע סאָוועטען די פאָלגענדע פראגע: צי זיי ווילען זיך באטייליגען אין דער פעדעראלער רעגירונג און אין אנ־דערע פעדעראלע סאָוועטען אינסטיטוציאָנען און אויך וואס פאר א באזיס זיי ווילען זיך בעטייליגען.

ארטיקעל 2

אלגעמיינע כללים פון דער קאָנסטיטוציע פון דער רוסישער סאָציאליסטישער פעדעראטיווער סאָוועטען רעפובליק.

פינפטער קאפיטעל.

9. דאס פונדאמענטאלע פראָבלעם פון דער קאָנסטיטוציע פון דער רוסישער סאָציאליסטישער פעדעראטיווער סאָוועטען רעפובליק, נעהמענדיג אין בעטראכט די איצטיגע איבערגאנגס־פעריאָדע, איז צו עטאבלירען א דיקטאטור פון שטאָדטישען און דארפישען פראָ־לעטאריאט און פון די אָרימע פויערים אין דער פאָרמע פון א מעכ־טיגער אלרוסישער סאָוועטען רעגירונג, מיט דעם צוועק אָפצושאפען די עקספלואטאציע פון איין מענשען דורך א צווייטען און צו איינ־פיהרען סאָציאליזם, וואו עס וועט ניט עקזיסטירען קיין צוטיילונג אין קלאסען און עס וועט ניט זיין קיין זעלבסטהערשאפט.

10. די רוסישע רעפובליק איז א פרייע סאָציאליסטישע גע־זעלשאפט פון דער גאנצער ארבייטענדער בעפעלקערונג פון רוס־לאנד. די גאנצע מאכט אין די גרענעצען פון דער רוסישער סאָ־ציאליסטישער, פעדעראטיווער סאָוועטען רעפובליק, בעלאנגט צו די ארבייטענדע מאסען פון רוסלאנד, פאראייניגט אין שטאָדטישע און דאָרפישע סאָוועטען.

11. די סאָוועטען פון אזעלכע געגענדען, וועלכע אונטערשיי־

דען זיך דורך ספּעציעלע לעבענס־פאָרמען און אין נאַציאָנאַלען כאַ־ראַקטער, קענען זיך פעראייניגען אין זעלבסט־פערוואַלטענדע טע־ריטאָריעלע פערבאַנדען, רעגירט פון די לאָקאַלע סאָוועטען קאָנגרע־סען און פון זייערע עקזעקוטיוו אָרגאַנען.

די זעלבסט־פערוואַלטענדע טעריטאָריעלע פערבאַנדען בעטיילי־גען זיך אין דער רוסישער סאָציאַליסטישער פעדעראַטיווער סאָווע־טען רעפּובליק אויף אַ פעדעראַטיווען באַזיס.

12. די העכסטע מאַכט פון דער רוסישער סאָציאַליסטישער סאָוועטען רעפּובליק בעלאַנגט צום אַל־רוסישען קאָנגרעס פון סאָווע־טען, און, צווישען דער צייט ווען די קאָנגרעסען פערזאַמלען זיך, בעלאַנגט די מאַכט צו דעם אַל־רוסישען צענטראַלען עקזעקוטיוו־קאָמיטעט.

13. כדי צו פערזיכערען די אַרבייטער מיט ווירקליכער פריי־הייט פון געוויסען, ווערט די קירך אָפּגעטיילט פון שטאַאַט און די שולען ווערען אָפּגעטיילט פון דער קירך און דאָס רעכט צו פּראָ־פּאַגאַנדירען פאַר אָדער געגען רעליגיאָן ווערט געגעבען צו יעדען בירגער.

14. אום צו גאַראַנטירען צו די אַרבייטענדע מאַסען די פריי־הייט פון מיינונגס־אויסדרוק, שאַפט אָב די סאָוועטען רעפּובליק די אָבהענגיגקייט פון דער פּרעסע פון קאַפּיטאַל, און זי גיט איבער צו די אַרבייטענדע מאַסען און צו די אָרימע פּויערים אַלע טעכנישע און מאַטעריעלע מיטלען צו דרוקען צייטונגען, בראָשורען, ביכער א. ז. וו. און גאַראַנטירט זייער פרייע פערשפּרייטונג איבערן גאַנצען לאַנד.

15. אום די אַרבייטער זאָלען האָבען די מעגליכקייט אָבצו־האַלטען פרייע פערזאַמלונגען, גיט די סאָוועטען רעפּובליק צו די אַרבייטער און אָרימע פּויערים אויסגעשטאַטעטע פערזאַמלונגס לאָ־קאַלען און וועט זאָרגען פאַר זייער בעהייצונג און בעלייכטונג.

16. האָבענדיג פערניכטעט די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע מאַכט פון די פאַרמעגליכע קלאַסען און האָבענדיג אָבגעשאַפט אַלע שטערונגען אין דעם וועג פאַר פרייע אָרגאַניזאַציאָן און האַנדלונג פון די אַרבייטער און פּויערים, לעגט פאַר די סאָציאַליסטישע סאָ־וועטען רעפּובליק צו געבען מאַטעריעלע און אַנדערע שטיצע צו העל־

פען די ארבייטער און אָרימע פויערים אין זייער שטרעבען זיך צו פעראייניגען און זיך צו אָרגאַניזירען.

17. כדי צו זיכערען די ארבייטער א ווירקליכען צוטריט צו וויסענשאפט, שטעלט זיך די סאָוועטען רעפּובליק די אויפגאבע צו בעזאָרגען די ארבייטער און פויערים פריי מיט פולער און אַלגעמיי־נער בילדונג.

18. די רוסישע סאָציאַליסטישע פעדעראַטיווע סאָוועטען רע־פּובליק בעטראכט ארבייט אַלס א פליכט פאר יעדען בירגער פון דער רעפּובליק און זי פּראָקלאַמירט דעם פּרינציפּ: „דער וואָס ארבייט ניט דער זאָל ניט עסען".

19. אום צו בעשיצען דעם זיעג פון דער גרויסער ארבייטער און פויערים רעוואָלוציאָן, רעכענט עס די סאָוועטען רעפּובליק פאר דער פליכט פון אַלע בירגער פון דער רעפּובליק צו פערטיידיגען זייער סאָציאַליסטישע פאטערלאַנד, און פאר דעם צוועק פיהרט זי איין אַלגעמיינע מיליטערישע איבונגען. די עהרע צו פערטיי־דיגען די רעוואָלוציאָן מיט געוועהר ווערט געגעבען בלויז צו די ארבייטער. די ניט־ארבייטענדע עלעמענטען ווערען געאָרדערט צו ערפילען אנדערע מיליטערישע פליכטען.

20. צוליעב דער סאָלידאַריטעט פון די ארבייטער פון אַלע נאציאָנען, גיט די רוסישע, סאָציאַליסטישע, פעדעראַטיווע סאָוועטען רעפּובליק אַלע פּאָליטישע רעכטען פון רוסישע בירגער צו אויסלענ־דער, וועלכע וואוינען אין דער טעריטאָריע פון דער רוסישער רעפּוב־ליק, אין וועלכער זייגען בעשעפטיגט מיט ארבייט און בעלאַנגען צו די ארבייטענדע מאסען. די סאָוועטען רעפּובליק אנערקענט אויך דאָס רעכט פון לאָקאַלע סאָוועטען צו געבען בירגער רעכט צו אזעלכע אויסלענדער אָהן קאָמפּליצירטע פאָרמאַליטעטען.

21. די רוסישע סאָציאַליסטישע פעדעראַטיווע סאָוועטען רעפּובליק באַט אָן שוץ צו אַלע אויסלענדער, וועלכע זוכען א רע־טונגס־פּלאַץ פון פּאָליטישע אָדער רעליגיעזע פערפאָלגונגען.

22. די רוסישע סאָציאַליסטישע, פעדעראַטיווע, סאָוועטען רעפּובליק, אנערקענענדיג די גלייכע רעכטען פאר אַלע בירגער אָהן אונטערשיעד פון ראסע אָדער נאציאָנאַליטעט, ערקלערט, אז אַלע ספּעציעלע נאציאָנאַלע פּריווילעגיעס אזוי ווי די אונטערדריקונג

פון נאַציאָנאַלע מינאָריטעטען זיינען אין ווידערשפּרוך מיט די פונ־דאַמענטאַלע געזעצען פון דער רעפּובליק.

23. האָבענדיג אין זינען די אינטערעסען פון ארבייטער קלאַס אַלס אַ גאַנצען, נעהמט די רוסישע סאָציאַליסטישע פעדעראַטיווע סאָוועטען רעפּובליק אוועק פון אַלע איינצעלנע מענשען אָדער גרו־פּען אַזעלכע רעכטע, וועלכע קענען בענוצט ווערען פון זיי נעגען די אינטערעסען פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע.

אַרטיקעל 3

די צוזאַמענשטעלונג פון דער סאָוועטען רעגירונג

I די אָרגאַניזאַציאָן פון דער צענטראַלער מאַכט.

זעקסטער קאַפּיטעל.

דער אַל־רוסישער קאָנגרעס פון סאָ־וועטען פון ארבייטער, פּויערים, קאַזאַ־קען און רויטע ארמעע דעפּוטאַטען.

24. דער אַל־רוסישער קאָנגרעס פון סאָוועטען איז די העכסטע מאַכט פון דער רוסישער סאָציאַליסטישער סאָוועטען רעפּובליק.

25. דער אַל־רוסישער סאָוועטען קאָנגרעס בעשטעהט פון פערטרעטער פון די שטאָדטישע סאָוועטען (איין דעלעגאַט פאַר יעדע 25 טויזענד וועהלער און פון פאַרשטעהער פון די פּראָווינציעלע (גובערנסקע) סאָוועטען קאָנגרעסען (איין דעלעגאַט פאַר יעדע 125 טויזענד איינוואוינער).

(בעמערקונג נומער 1) אין פאַל דער פּראָווינציעלער קאָנגרעס ווערט ניט אָבגעהאַלטען, איידער דער אַל־רוסישער קאָנגרעס קומט זיך צוזאַמען, דאַן ווערען די דעלעגאַטען צום אַל־רוסישען סאָוועטען קאָנגרעס געשיקט דירעקט פון די אויעזדנע (קאָונטי) קאָנגרעסען.

בעמערקונג נומער 2.) אין פאַל אַן אָבלאַסטנאָי (ראַיאָן אָדער געגענד) קאָנגרעס ווערט אינדירעקט אָבגעהאַלטען פאַר דעם אַל־רוסישען סאָוועטען קאָנגרעס, דאַן קען דער אָבלאַסטנאָי קאָנגרעס ערוועהלען די דעלעגאַטען צום אַל־רוסישען קאָנגרעס.

26. דער אַל־רוסישער קאָנגרעס ווערט צוזאַמען גערופען פון

דעם אַל־רוסישען צענטראַלען עקזעקוטיוו קאָמיטעט ווענינסטען צוויי מאָהל אַ יאָהר.

27. אַ ספּעציעלער אַל־רוסישער קאָנגרעס קען צוזאַמענגע־רופען ווערען פון דעם אַל־רוסישען צענטראַלען עקזעקוטיוו קאָמיטעט אויף זיין אייגענער איניציאַטיווע, אָדער אויף דעם פערלאַנג פון לאָקאַלע סאָוועטען, וועלכע קאָנטראָלירען ניט ווייניגער פון אַ דריטעל פון דער גאַנצער בעפעלקערונג פון דער רעפּובליק.

28. דער אַל־רוסישער קאָנגרעס ערוועהלט אַן אַל־רוסישען צענטראַלען עקזעקוטיוו קאָמיטעט פון ניט מעהר ווי 200 מיטגלידער

29. דער אַל־רוסישער צענטראַלער עקזעקוטיוו קאָמיטעט איז אין גאַנצען פעראַנטוואָרטליך צום אַל־רוסישען סאָוועטען קאָנגרעס.

30. אין דער צווישען־צייט פון איין אַל־רוסישען קאָנגרעס ביז אַ צווייטען, איז דער אַל־רוסישער צענטראַלער עקזעקוטיוו קאָמיטעט די העכסטע מאַכט פון דער רעפּובליק.

זיעבעטער קאַפּיטעל.

דער אַל־רוסישער צענטראַלער עקזעקוטיוו קאָמיטעט

31. דער אַל־רוסישער צענטראַלער עקזעקוטיוו קאָמיטעט איז דער העכסטער געזעץ־געבענדער, פערוואַלטענדער און קאָנטראָלירענדער אָרגאַן פון דער רוסישער סאָציאַליסטישער פעדעראַטיווער סאָוועטען רעפּובליק.

32. דער אַל־רוסישער צענטראַלער עקזעקוטיוו קאָמיטעט פיהרט אָן די טהעטיגקייט פון דער ארבייטער און פויערים רעגירונג און פון אַלע אָרגאַנען פון דער סאָוועטען מאַכט אין לאַנד, און זי קאָרדינירט און רעגולירט אויך די טהעטיגקייט פון דער סאָוועט קאָנסטיטוציע אין די דורכפיהרונג פון די רעזאָלוציעס פון די אַל־רוסישע קאָנגרעסען און פון די צענטראַלע אָרגאַנען פון דער סאָוועטען רעגירונג.

33. דער אַל־רוסישער צענטראַלער עקזעקוטיוו קאָמיטעט פערהאַנדעלט און פיהרט דורך די בעשליסע און פאָרשלעגע, וועלכע ווערען אריינגעבראַכט פון דעם סאָוועט פון פאָלקס קאָמיסאַרען

אדער פון די פערשיעדענע דעפארטאמענטען, און ער גיט אויך ארויס זיינע אייגענע דעקרעטען און פעראָרדנונגען.

34. דער אל־רוסישער צענטראלער עקזעקוטיוו קאָמיטעט רופט איין דעם אל־רוסישען סאָוועטען קאָנגרעס און בעריכטעט דאָן וועגען זיין טהעטיגקייט און וועגען אלגעמיינע פראגען.

35. דער אל־רוסישער צענטראלער עקזעקוטיוו קאָמיטעט שטעלט צוזאמען דעם ראטה פון פאָלקס־קאָמיסארען צו פערוואלטען די אנגעלעגענהייטען פון דער רוסישער סאָציאליסטישער פעדע־ראטיווער סאָוועטען רעפובליק. ער שטעלט אויך צוזאמען די פער־שיעדענע דעפארטאמענטען (פאָלקס־קאָמיסאריאטען) אנצופיהרען די פערשיעדענע צווייגען פון דער רעגירונגס־ארבייט.

36. די מיטגלידער פון דעם אל־רוסישען צענטראלען עקזעקו־טיוו קאָמיטעט ארבייטען אין די פערשיעדענע דעפארטאמענטען (פאָלקס־קאָמיסאריאטען) אדער זיי גיבען זיך אָב מיט אויספיהרען ספעציעלע אויפגאבען פון דעם אל־רוסישען צענטראלען עקזעקוטיוו קאָמיטעט.

אכטער קאפיטעל.

דער ראטה פון פאָלקס קאָמיסארען.

37. דער ראטה פון פאָלקס קאָמיסארען ווערט אנפערטרויט מיט דער אלגעמיינער פערוואלטונג פון די אנגעלעגענהייטען פון דער רוסישער סאָציאליסטישער פעדעראטיווער סאָוועטען רעפובליק.

38. אום צו ערפילען די דאָזיגע אויפגאבע, גיט דער קאָמי־סארען ראטה ארויס דעקרעטען, בעשליסע, פעראָרדנונגען און נעהמט אָן אין אלגעמיין אלע נויטיגע שריט, אז די רעגירונגס אנגעלעגענ־הייטען זאָלען געפיהרט ווערען ווי געהעריג און שנעל.

39. דער ראטה פון די פאָלקס קאָמיסארען דארף גלייך לאָזען וויסען דעם אל־רוסישען צענטראלען עקזעקוטיוו קאָמיטעט וועגען אלע זיינע פעראָרדנונג און בעשליסע.

40. דער אל־רוסישער צענטראלער עקזעקוטיוו קאָמיטעט האָט דאָס רעכט צוריק צורופען אדער אָבצוהאלטען די פעראָרד־נונגען און בעשליסע פון דעם פאָלקס־קאָמיסארען ראטה.

41. אלע פעראָרדנונגען און בעשליסע פון דעם ראטה פון פאָלקס קאָמיסארען, וועלכע זיינען פון גרויס פּאָליטישער וויכטיג־קייט, מוזען פריהער איבערגעגעבען ווערען צו דעם אל־רוסישען צענ־טראלען עקזעקוטיוו קאָמיטעט זיי צו בעטראַכטען און זיי גוט צו הייסען.

(בעמערקונג) פעראָרדנונגען, וועלכע מוזען גלייך אויסגעפיהרט ווערען, קענען געמאכט ווערען דירעקט פון דעם ראטה פון די פאָלקס קאָמיסארען.

42. די מיטגלידער פון ראטה פון פאָלקס קאָמיסארען שטעהן אין דער שפּיצע פון די פערשיעדענע פאָלקס קאָמיסאריאטען.

43. עס זיינען פאראן זיעבעצעהן פאָלקס קאָמיסארען:

א. אויסלענדישע אנגעלעגענהייטען
ב. ארמעע
ג. פלאָטע
ד. אינערליכע אנגעלעגענהייטען
ה. יוסטיץ
ו. ארבייט
ז. געזעלשאפטליכע טהעטיגקייט
ח. בילדונגג
ט. פּאָסט און טעלעגראף
י. נאציאָנאלע אנגעלעגענהייטען
כ. פינאנץ
ל. פארקעהרס מיטלען
מ. אגריקולטור
נ. האנדעל און אינדוסטריע
ס. נאציאָנאלע בעדערפעניסען
ע. שטאאט קאָנטראָל
פ. העכסטער סאָוועט פון נאציאָנאלע עקאָנאָמיע
צ. געזונדהייט.

44. יעדער קאָמיסאר האט א קאָמיטעט פון וועלכען ער איז דער פּרעזידענט. די מיטגלידער פון דעם קאָמיטעט ווערען בע־שטימט פון דעם ראטה פון פאָלקס קאָמיסארען.

45. א פאָלקס קאָמיסאר האט דאס רעכט צו ענטשיידען אלע

פראַגען, וועלכע קומען אונטער דער יורידיקציע פון זיין קאָמיסאַריאַט און ער דאַרף מיטטיילען זיין ענטשיידונג צו זיין קאָמיטעט. אויב דער קאָמיטעט שטימט ניט איין מיט דעם קאָמיסאַר וועגען וועלכער עס איז ענטשיידונג, קען דער קאָמיטעט אריינברייגנען וועגען דעם אַ קלאַגע צו די עקזעקוטיוו מיגלידער פון דעם ראַטה פון די פּאָלקס קאָמיסאַרען אָדער צו דעם אָל־רוסישען צענטראַלען עקזעקוטיוו קאָמיטעט, ער דאַרף אָבער דערביי ניט אָבהאַלטען דורכצופיהערען די ענטשיידונג.

דאָס דאָזיגע רעכט (פון ברייננגען אַ קלאַגע) האָבען אויך די איינצעלנע מיטגלידער פון קאָמיטעט.

46. דער ראַטה פון פּאָלקס קאָמיסאַרען איז אין גאַנצען פערענטוואָרטליך צום אָל־רוסישען סאָוועטען קאָנגרעס און צו דעם אָל־רוסישען צענטראַלען עקזעקוטיוו קאָמיטעט.

47. די פּאָלקס קאָמיסאַרען און די קאָמיטעטען פון די פּאָלקס קאָמיסאַריאַטען זיינען אין גאַנצען פעראַנטוואָרטליך צום קאָמיסאַרען ראַטה און צו דעם אָל־רוסישען צענטראַלען עקזעקוטיוו קאָמיטעט.

48. דער טיטול פון פּאָלקס קאָמיסאַר בעלאַנגט בלויז צו די מיטגלידער פון ראַטה פון פּאָלקס קאָמיסאַרען, וועלכע פערוואַלטען די אַלגעמיינע אנגעלעגענהייטען פון דער רוסישער סאָציאַליסטישער פעדעראַטיווער סאָוועטען רעפּובליק. דער טיטול קען ניט געברויכט ווערען פון קיין אנדער פערטרעטער פון דער סאָוועטען רעגירונג, סיי די צענטראַלע און סיי די לאָקאַלע.

ניינטער קאַפּיטעל.

אנגעלעגענהייטען, וועלכע זיינען אין דער יורידיקציע פון אָל־רוסישען קאָנגרעס און פון דעם אָל־רוסישען צענטראַלען קמיטעט.

49. דער אָל־רוסישער קאָנגרעס און דער אָל־רוסישער צענטראַלער עקזעקוטיוו קאָמיטעט האָבען צו זאָגען איבער די פּאָלגענדע מלוכה פראַגען:

א. ראַטיפיצירען און אַמענדירען די קאָנסטיטוציע פון דער

רוסישער סאָציאַליסטישער פעדעראַטיווער סאָוועטען רעפּובליק.

ב. צו פיהרען די גאַנצע אינערליכע און אויסערליכע פּאָליטיק פון דער רוסישער סאָציאַליסטישער פעדעראַטיווער סאָוועטען רעפּובליק.

ג. צו פעסטשטעלען און ענדערן די גרענעצען און אויך אָבצוטרעטען טעריטאָריעס, וועלכע בעלאַנגען צו דער רוסישער סאָציאַליסטישער פעדעראַטיווער סאָוועטען רעפּובליק.

ד. פעסטשטעלען די גרענעצען פון די ראַיאָנע (אָבלאַסט) סאָוועטען פערבאַנדען, וועלכע בעלאַנגען צו דער רוסישער סאָציאַליסטישער פעדעראַטיווער סאָוועטען רעפּובליק און אויך צו שליכטען סכסוכים צווישען זיי.

ה. אריינצונעהמען נייע מיטגלידער אין דער רוסישער סאָציאַליסטישער פעדעראַטיווער סאָוועטען רעפּובליק און צו אנערקענען דאָס אָבטיילען זיך פון וועלכען עס איז טייל פון איהר.

ו. די אַלגעמיינע אדמיניסטראַטיווע איינטיילונג פון דער טעריטאָריע פון דער רוסישער סאָציאַליסטישער פעדעראַטיווער סאָוועטען רעפּובליק און די גוטהייסונג פון ראַיאָנע (אָבלאַסט) פערבאַנדען.

ז. פעסטצושטעלען און צו ענדערען די איינהייטען פאַר וואָג, מאָס און געלד אין דער רוסישער סאָציאַליסטישער פעדעראַטיווער סאָוועטען רעפּובליק.

ח. אויסלענדישע בעציהונגען, מלחמה ערקלערונג און ראַטיפיצירונג פון פריעדענס אָבמאַכען.

ט. צו מאַכען הלואות, אונטערשרייבען האַנדעלס אָבמאַכען און פינאַנציעלע קאָנטראַקטען.

י. צו אויסאַרבייטען א באַזיס און אַלגעמיינעם פּלאַן פאַר נאַציאָנאַלער עקאָנאָמיע פאַר די פערשיעדענע צווייגען אין דער רוסישער סאָציאַליסטישער פעדעראַטיווער סאָוועטען רעפּובליק.

כ. צו גוטהייסען דעם בודזשעט פון דער רוסישער סאָציאַליסטישער פעדעראַטיווער סאָוועטען רעפּובליק.

ל. ארויפצולעגען שטייער און צו פעסטשטעלען די פליכטען פון די בירגער צום שטאַאַט.

נ. שטאַאט געזעצגעבונג, אָרגאַניזאַציאָן און פּראָצעדורען פון געריכטען, ציווילע און קרימינעלע געזעצגעבונג א. אז. וו.

ס. אָנצושטעלען און אָבצוזאָגען איינצעלנע פאָלקס קאָמיסאַרען אָדער דעם גאַנצען קאָמיסאַרען־ראַטה און אויך צו בעשטעטיגען דעם פּרעזידענט פון דעם ראַטה פון פאָלקס־קאָמיסאַרען.

ע. צו געבען און אָוועקנעהמען רוסישע בירגער רעכט און צו פעסטשטעלען די רעכטע פון אויסלענדער.

פ. דאָס רעכט צו ערקלערען א אינדיווידועלע אָדער אַלגעמיינע אמנעסטיע.

50. אויסער די אויבענדערמאָנטע פראַגען, האָט דער אַל־רוסישער קאָנגרעס און דער אַל־רוסישע צענטראַלער עקזעקוטיוו קאָמיטעט די אויפזיכט איבער אַלע אַנדערע אַנגעלעגענהייטען, וועלכע, לויט זייער מיינונג, פאָדערען זייער אויפמערקזאַמקייט.

51. פאָלגענדע פראַגען זיינען אויסשליסליך אונטער דער יורידיקציע פון דעם אַל־רוסישען קאָנגרעס:

א. צו ראַטיפיצירען און אַמענדירען די פונדאַמענטאַלע פּרינציפּען פון דער סאָוועטען קאָנסטיטוציע.

ב. צו ראַטיפיצירען פריעדענס אָבמאַכען.

52. די ענטשיידונג פון פראַגען, וועלכע זיינען אָנגעוויזען געוואָרען אין די פּונקטען „ג" און „ח" פון דעם 49טען פּאַראַגראַף, קענען געמאַכט ווערען פון דעם אַל־רוסישען צענטראַלען עקזעקוטיוו קאָמיטעט בלויז אין דעם פאַל, ווען עס איז אונמעגליך צוזאַמענצורופען דעם קאָנגרעס.

II. די אָרגאַניזאַציאָן פון די לאָקאַלע סאָוועטען.

צעהנטער קאַפּיטעל.

די קאָנגרעסען פון די סאָוועטען

53. די סאָוועטען קאָנגרעסען ווערען צוזאַמענגעשטעלט אויפ'ן פאָלגענדען אופן:

א. אָבלאַסט סאָוועטען: זיי בעשטעהען פון פערטרעטער פון די גובערנסקי און אויעזדנע סאָוועטען, צו איין פאָרשטעהער פון יעדע 25 טויזענד איינוואוינער אין די אויעזדען און צו איין

פאָרשטעהער פון יעדע 5000 שטימבערעכטיגטע אין די שטעדט — אָבער ניט מעהר פון 500 פאָרשטעהער פון גאַנצען אָבלאַסט אָדער פון פאָרשטעהער פון די גובערנסקי קאָנגרעסען, ערוועהלט אויפ'ן זעלבען באַזיס, אויב אַזעלכע קאָנגרעסען ווערען אָבגעהאַלטען פאַר דעם אָבלאַסט קאָנגרעס.

ב. גובערנסקי סאָוועטען: זיי בעשטעהען פון פערטרעטער פון שטאָדטישע און דאָרפישע (וואָלאָסט) סאָוועטען צו איין פאַר־שטעהער פון יעדע 10 טויזענד איינוואוינער פון די דאָרפישע דיס־טריקטען און צו איין פאָרשטעהער פון יעדע 2000 שטימבערעכ־טיגטע פון די שטעדט. צוזאַמען דאַרפען זיין ניט מעהר פון 300 פאָרשטעהער פון דער גאַנצער גובערניע. אין פאַל דער אויעזדנער קאָנגרעס קומט זיך צוזאַמען פאַר דעם גובערנסקין קאָנגרעס, ווערען די פאָרשטעהער ערוועהלט אויפ'ן זעלבען באַזיס פון דעם אויעזדנעם קאָנגרעס אנשאט פון דעם דאָרפישען (וואָלאָסט) קאָנגרעס.

ג. אויעזדנע קאָנגרעסען: זיי בעשטעהען פון פערטרעטער פון די דאָרפישע (וואָלאָסטניע) סאָוועטען, צו איין פאָרשטעהער פון יעדע 1000 איינוואוינער, אָבער ניט מעהר פון 300 דעלעגאַטען פון גאַנצען אויעזד.

ד. וואָלאָסטניע סאָוועטען: זיי בעשטעהען פון פערטרעטער פון אַלע דאָרפישע סאָוועטען אין דעם וואָלאָסט, צו איין פאָרשטע־הער פון יעדע 10 מיטגלידער אין די סאָוועטען.

(בעמערקונג נומער 1): פאָרשטעהער פון די שטאָדטישע סאָ־וועטען, וועלכע האָבען אַ בעפעלקערונג פון ניט מעהר ווי צעהן טויזענד איינוואוינער, בעטייליגען זיך אין דעם אויעזדנעם קאָנג־רעס; דאָרפישע סאָוועטען פון דיסטריקטען מיט אַ בעפעלקערונג ווייניגער ווי טויזענד, פעראייניגען זיך מיט דעם צוועק צו ערוועהלען דעלעגאַטען צו דעם אויעזדנעם קאָנגרעס.

(בעמערקונג נומער 2): וואָלאָסטניע סאָוועטען, וועלכע האָבען ווייניגער פון 10 מיטגלידער, שיקען צו איין פאָרשטעהער צום וואָ־לאָסט קאָנגרעס.

54. די קאָנגרעסען פון די סאָוועטען ווערען צוזאַמענגערופען פון די רעספעקטיווע עקזעקוטיוו קאָמיטעס אויף זייער אייגענער איניציאַטיווע, אָדער אויפ'ן פערלאַנג פון די לאָקאַלע סאָוועטען,

וועלכע קאנטראלירען ניט ווייניגער פון א דריטעל פון דער גאנצער בעפעלקערונג פון דעם בעטרעפענדען דיסטריקט. יעדענפאלס ווע־רען די אבלאסט קאנגרעסען צוזאמען גערופען ווייניגסטענס צוויי מאל א יאהר; די גובערנסקי און אויעזדנע — אלע דריי מאנאטען און די וואלאסטניע — איין מאל א מאנאט.

55. יעדער סאוועטען קאנגרעס, פון אן אבלאסט, גובערניע, אויעזד און וואלאסט ערוועהלט זיין עקזעקוטיוו ארגאן — א עקזע־קוטיוו קאמיטעט די מיטגלידערשאפט פון וועלכער זאל בעשטעהן ווי פאלגט:

(א) פון די אבלאסטנע און גובערנסקי סאוועטען פון ניט מעהר ווי 25 מיטגלידער; (ב) פון די אויעזדנע — 20; (ג) פון די וואלאסטניע — 10. דער עקזעקוטיוו קאמיטעט איז פער־אנטווארטליך צו דעם קאנגרעס פון וועלכען ער איז ערוועהלט גע־ווארען.

56. אין די גרענעצען פון די בעטרעפענדע טעריטאריעס פון די קאנגרעסען איז דער עקזעקוטיוו קאמיטעט די העכסטע אינסטאנץ פאר דער צייט צווישען דאס צונויפקומען זיך פון איין קאנגרעס ביז'ן צווייטען.

עלפטער קאפיטעל.

דער דעפוטאטען סאוועט.

57. די דעפוטאטען סאוועטען ווערען צוזאמענגעשטעלט:

א. אין שטעדט, צו איין דעפוטאט פון יעדע טויזענד איינ־וואוינער: אין אלעמען דארף אזא סאוועט האבען ניט ווייניגער פון 50 און ניט מעהר פון 1000 מיטגלידער.

ב. אין אלע אנדערע בעפעלקערונגס פלעצער (שטעדטלאך, דערפער און דערפלאך) פון ווייניגער פון 10 טויזענד איינוואוינער — צו איין דעפוטאט פון יעדע 100 איינוואוינער; אין גאנצען דארפען די סאוועטען אין אזעלכע פלעצער האבען ניט ווייניגער פון 3 און ניט מעהר פון 50 דעפוטאטען.

דער טערמין פון א דעפוטאט איז דריי חדשים.

(בעמערקונג): אין די קליינע דערפלאך, ווען עס איז נאר

מעגליך, זאָלען אַלע פראגען בעשטימט ווערען אויף אַלגעמיינע פער־זאמלונגען פון די שטימבערעכטיגטע איינוואוינער.

58. דער דעפוטאטען סאָוועט ערוועהלט אַן עקזעקוטיוו קאָ־מיטעט צו פערהאנדלען צייט פראגען, וועלכער בעשטעהט פון ניט מעהר פון 5 מיטגלידער אין די דאָרפישע דיסטריקטען, איין פער־טרעטער פון יעדע 50 מיטגלידער אין די שטאָדטישע סאָוועטען, אָבער אין סך הכל ניט מעהר פון 15 און ניט וויניגער פון 3 פער־טרעטער (פעטראָגראד און מאָסקווע ניט מעהר פון 40). דער עק־זעקוטיוו קאָמיטעט איז אין גאנצען פעראנטוואָרטליך צו דעם סאָ־וועט וועלכער האָט איהם ערוועהלט.

59. דער דעפוטאטען סאָוועט ווערט צוזאמענגערופען פון דעם עקזעקוטיוו קאָמיטעט אויף זיין אייגענער איניציאטיווע, אָדער אויף דעם פערלאנג פון ניט וויניגער פון א העלפט פון דער גאנצער מיטגלידערשאפט פון סאָוועט. יעדענפאלס דארפען די סאָוועטען אָבהאלטען זיצונגען ניט וויניגער ווי איין מאָל א וואָך אין די שטעדט און 2 מאָל א וואָך אין די דערפער.

60. אין פראגען, וועלכע קומען אונטער זיין יורידיקציע, איז דער סאָוועט, אָדער די אַלגעמיינע פערזאמלונג, אין פעלע דער־מאָנט אין דער בעמערקונג פון פאראגראף 57, די העכסטע אינ־סטאנץ אין דעם בעטרעפענדען דיסטריקט.

צוועלפטער קאַפיטעל.

די יורידיקציע פון די לאָקאלע אָרגאנען פון די סאָוועטען.

61. די אָבלאסטנע, גוּבערנסקע, אויעזדנע און וואָלאסטניע אָרגאנען פון דער סאָוועטען רעגירונג און אויך די דעפוטאטען סאָ־וועטען האָבען אויף זיך די פאָלגענדע פליכטען:

א. אויסצופיהרען אַלע פעראָרדנונגען פון די רעספעקטיווע העכערע אָרגאנען פון דער סאָוועטען רעגירונג.

ב. צו אָנווענדען אַלע מיטלען אויפצוהויבען דעם קולטורעלען און עקאָנאָמישען צושטאנד פון זייער געגענד.

ג. צו ענטשיידען אַלע פראגען פון לאָקאלע וויכטיגקייט אין זייער טעריטאָריע.

ד. צו קאָאָרדינירען די טהעטיגקייט פון סאָוועט אין זייער טעריטאָריע.

62. די קאָנגרעסען פון די סאָוועטען און זייערע עקזעקוטיוו קאָמיטעטען האָבען דאָס רעכט צו קאָנטראָלירען די טהעטיגקייט פון די לאָקאַלע סאָוועטען (ד. ה. דער אָבלאַסטני קאָנגרעס קאָנטראָלירט אַלע סאָוועטען פון דעם בעטרעפענדען אָבלאַסט; דער גובערנסקי קאָנגרעס קאָנטראָלירט די סאָוועטען פון דער בעטרעפענדער גובערניע, מיט דער אויסנאַהמע פון די שטאָדטישע סאָוועטען, א. ז. וו.). די אָבלאַסטניע און גובערנסקיע קאָנגרעסען און זייערע עקזעקוטיוו קאָמיטעטען האָבען אויך דאָס רעכט אומצואוואַרפען די בעשליסע פון די נידעריגערע סאָוועטען פון זייערע דיסטריקטען. אין וויכטיגע פעלע דאַרפען זיי וועגען דעם לאָזען וויסען דער צענטראַלער סאָוועטען רעגירונג.

63. פאַר דעם צוועק צו ערפילען זייערע פליכטען, קענען די לאָקאַלע סאָוועטען, די וואָלאָסטניע און די שטאָדטישע, און די עקזעקוטיוו קאָמיטעטען זיך אַנטיילען אין סעקציעס.

אַרטיקעל 4.

דאָס רעכט צו שטימען

דרייצעהנטער קאַפיטעל

64. דאָס רעכט צו שטימען און ערוועהלט צו ווערען אין די סאָוועטען בעזיצען די פאָלגענדע בירגער, פון דער רוסישער סאָציאַליסטישער פעדעראַטיווער רעפובליק אָהן אונטערשיעד פון רעליגיאָן, נאַציאָנאַליטעט, געשלעכט, וואוינונג א. ז. וו., וועלכע האָבען דערגרייכט דעם עלטער פון 18 יאָהר אין דעם טאָג פון די וואַהלען:

א. אַלע די וועלכע פערדינען זייערע לעבענס מיטלען דורך פּראָדוקטיווע אָדער נוצליכע אַרבייט פאַר דער געזעלשאַפט און אויך פערזאָנען, וועלכע גיבען זיך אָב מיט הויז ווירטשאַפט, געבענדיג דערביי אַ מעגליכקייט צו די ערשטע צו טהאָן פּראָדוקטיווע אַרבייט, ד. ה. אַרבייטער און אָנגעשטעלטע פון אַלע קלאַסען וועלכע זיינען בעשעפטיגט אין אינדוסטריע, האַנדעל, אַגריקולטור א. ז. וו., און

פויערים און קאַזאַקען ערד ארבייטער, וועלכע בעשעפטיגען ניט קיין ארבייטער מיט דעם צוועק צו מאַכען פּראָפּיטען.

ב. סאָלדאַטען פון דער אַרמעע און פלאָטע פון די סאָוועטען.

ג. בירגער פון די צוויי אויבענדערמאָנטע קאטעגאָריעס, וועלכע האָבען פארלאָרען זייער פעהיגקייט צו ארבייטען.

(בעמערקונג נומער 1). די לאָקאָלע סאָוועטען מיט דער גוט הייסונג פון דער צענטראלער מאכט קענען מאַכען ניעדעריגער דעם עלטער פאר שטימרעכט, וואָס איז דאָ אָנגעגעבען געוואָרען.

(בעמערקונג נומער 2). ניט בירגער, וועגען וועלכע עס איז גערעדט געוואָרען אין ארטיקעל 2, קאַפּיטעל 5, פּאַראַגראַף 20 האָבען דאָס רעכט צו שטימען.

65. פאָלגענדע פּערזאָנען האָבען ניט דאָס רעכט צו שטימען און זיי קענען ניט ערוועהלט ווערען צו קיין אַמט, כאָטש זיי בעלאַנגען צו איינער פון די אויבענדערמאָנטע קאַטעגאָריעס:

א. פּערזאָנען, וועלכע בעשעפטיגען געדינגענע ארבייטער מיט דעם צוועק צו מאַכען גרעסערע פּראָפּיטען.

ב. פּערזאָנען וועלכע האָבען א הכנסה ניט ארבייטענדיג, ווי פּראָצענט פון קאַפּיטאַל, איינגאַהמען פון אייגענטהום א. ז. וו.

ג. פּריוואַטע געשעפטסלייט, האנדעלס פּארמיטלער און מעקלער.

ד. מאָנאַכען און גייסטליכע פון אַלע רעליגיאָנען.

ה. אָנגעשטעלטע און אַגענטען פון דער געוועזענער פּאָליציי, פון זשאַנדאַרמען קאָרפּוס און פון דער אָכראַנע (דעם צאַרס פּאָליטישע געהיים פּאָליציי) און אויך מיטגלידער פון דער געוועזענער הערשענדער דינאַסטיע.

ו. פּערזאָנען וועלכע זיינען אויף א געזעצליכען וועג ערקלערט געוואָרען אַלס משוגעים אָדער גייסטיג קראַנק, — ווי אויך אַזעלכע וועלכע געפינען זיך אונטער דער אויפזיכט פון אָפּעקונעס.

ז. פּערזאָנען פון וועלכע די סאָוועטען האָבען צוגענומען זייערע בירגער רעכטען צוליעב זעלבסטזיכטיגע שענדליכע פערברעכענס, קענען ניט שטימען אין דער צייט אויף וועלכע זיי זיינען פעראורטיילט געוואָרען.

פיערצעהנטער קאַפּיטעל.

וואהלען

66. וואהלען ווערען אָבגעהאַלטען לויט'ן מנהג אין די טעג, וועלכע ווערען בעשטימט פון די סאָוועטען.

67. די וואהלען קומען פאָר אין דער אַנוועזענהייט פון א וואהל קאָמיטעט און פון א פערטרעטער פון לאָקאַלען סאָוועט.

68. אין פאַל דער פערטרעטער פון סאָוועט קען נים אַנוועזענד זיין, צוליעב בעגרינדעטע אורזאַכען, פארנעהמט זיין פּלאַץ דער פאָרזיצענדער פון דעם וואהל קאָמיטעט, אין פאַל דער לעצטער איז אויך אבוועזענד, פארנעהמט זיין פּלאַץ דער פאָרזיצענדער פון דער וואהל פערזאַמלונג.

69. א פּראָטאָקאָל פון די פערהאַנדלונגען און די רעזולטאַטען פון די וואהלען דאַרף צונויפגעשטעלט ווערען און אונטערגעשריבען ווערען פון די מיטגלידער פון דעם וואהל־קאָמיטעט און פון פערטרעטער פון סאָוועט.

70. אויספיהרליכע אָנווייזונגען אין בעצוג צו דעם ווי די וואהלען דארפען אָבגעהאַלטען ווערען און וועגען דער בעטייליגונג אי זיי פון פּראָפעסיאָנעלע און אנדערע ארבייטער אָרגאַניזאַציאָנען, דארפען ארויסגעגעבען ווערען פון די לאָקאַלע סאָוועטען, לויט די אינסטרוקציעס פון דעם אַל־רוסישען צענטראַלען עקזעקוטיוו קאָמיטעט.

פונפצעהנטער קאַפּיטעל.

די אונטערזוכונג און ערקלערען וואהלען אלס אונגילטיג און דאָס צוריקרופען פון דעפּוטאַטען.

71. די רעספּעקטיווע סאָוועטען בעקומען אַלע פּראָטאָקאָלען וועגען דער דורכפיהרונג פון די וואהלען.

72. דער סאָוועט בעשטימט א קאָמיסיע צו אונטערזוכען די ריכטיגקייט פון די וואהלען.

73. די קאָמיסיע בעריכטעט צום סאָוועט וועגען די רעזולטאַטען.

74. דער סאָוועט ענטשיידעט, אין פאַל פון צווייפעל, ווער עס איז דער געוועהלטער קאנדידאט.

75. דער סאָוועט בעשטימט נייע וואהלען, אין פאַל, ווען עס קען ניט פעסטגעשטעלט ווערען די וואהל פון איין קאנדידאט אָדער פון אַן אנדערען.

76. אין פאַל, אַז די גאַנצע וואהלען זיינען דורכגעפיהרט געוואָרען אונרעגעלמעסיג, קענען זיי ערקלערט ווערען אַלס אונ־גילטיג פון אַ העכערער סאָוועטען מאכט.

77. די העכסטע אינסטאַנץ אין פראַגען פון וואהלען איז דער אַל־רוסישער צענטראַלער עקזעקוטיוו קאָמיטעט.

78. די וועהלער, וועלכע האָבען געשיקט אַ דעפוטאַט אין סאָוועט, האָבען אַ רעכט איהם צוריקצורופען, און צו האָבען נייע וואהלען, לויט אַלגעמיינע בעשטימטע כּללים.

אַרטיקעל 5.

דער בודזשעט

זעכצעהנטער קאַפּיטעל.

79. די פינאַנציעלע פּאָליטיק פון דער רוסישער סאָציאַליסטי־שער סאָוועטען רעפובליק אין דער איצטיגער איבערגאַנגס פעריאָדע פון דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאריאַט, פערגרינגערט דעם פונדאַ־מענטאַלען צוועק צו עקספּראָפּריאירען פון דער בורזשואזיע און צו פּאָרבערייטען די בעדינגונגען וועלכע זיינען נויטיג פאַר דער גלייכ־הייט פון אַלע בירגער אין רוסלאַנד אין דער פּראָדוקציאָן און פער־טיילונג פון רייכטהום. פאַר דיעזען צוועק נעהמט די רעפובליק אויף זיך די אויפגאַבע צו בעזאָרגען די אָרגאַנען פון דער סאָוועטען רע־גירונג פאַר לאָקאַלע און אַלגעמיינע מלוכה הוצאות מיט אַלע נוי־טיגע פאָנדען, ניט רעכענענדיג זיך מיט פּריוואַטע אייגענטהומס רעכט.

80. די הוצאות און הכנסות פון דער רוסישער סאָציאַליס־טישער פעדעראַטיווער סאָוועטען רעפובליק זיינען צונויפגעשטעלט אין דעם מלוכה בודזשעט.

81. דער אַל־רוסישער סאָוועטען קאָנגרעס אָדער דער אַל־

רוסישער צענטראַלער עקזעקוטיוו קאָמיטעט בעשטימט וועלכע הכנסות און שטייערען זאָלען גענומען ווערען פאַר דעם מלוכה בודזשעט און וועלכע פאַר די לאָקאַלע סאָוועטען; זיי בעשטימען אויך די גרויס פון די שטייערען.

82. סיינע אויסגאַבען פון דער מלוכה קאַסע, וועלכע זיינען ניט אויסגערעכענט אין בודזשעט זאָלען ניט געמאַכט ווערען אָהן אַ ספּעציעלער פּעראָרדנונג פון דער צענטראַלער מאַכט.

84. די לאָקאַלע סאָוועטען זאָלען בעקומען קרעדיט דורך די פאָלקס קאָמיסאַרען פון דער מלוכה קאַסע, אום זיי זאָלען קענען מאַכען די נויטיגע אויסגאַבען פאַר די אַלגעמיינע בעדערפנישען פון לאַנד.

85. אַלע קרעדיטען, וועלכע ווערען בעשטימט פאַר די סאָוועטען פון דער מלוכה קאַסע און אויך קרעדיטען וועלכע ווערען גוגעהייסען פאַר לאָקאַלע צוועקען, מוז אויסגעגעבען ווערען לויט די בעשטימונגען און קענען ניט פערברויכט ווערען פאַר וועלכע עס איז אַנדערע צוועקען אָהן אַ ספּעציעלער פעראָרדנונג פון דעם אַל־רוסישען צענטראַלען עקזעקוטיוו קאָמיטעט און פון דעם סאָוועט פון פאָלקס קאָמיסאַרען.

86. די לאָקאַלע סאָוועטען שטעלען צוזאַמען האַלב־יעהרליכע און יעהרליכע בודזשעטען פון די הכנסות און הצאות פאַר לאָקאַלע צוועקען. די בודזשעטען פון די שטאָדטישע און דאָרפישע סאָוועטען, וועלכע בעטייליגען זיך אין די אויעזדנע קאָנגרעסען, און אויך די בודזשעטען פון די אויעזדנע אָרגאַנען פון דער סאָוועטען רעגירונג, דאַרפען גוט געהייסען ווערען פון גובערנסקי און אָבלאַסטני קאָנגרעסען, אָדער פון זייערע עקזעקוטיוו קאָמיטעטען; די בודזשעטען פון שטאָדטישע גובערנסקי און אָבלאַסטנע אָרגאַנען פון די סאָוועטען, מוזען גוט געהייסען ווערען פון דעם אַל־רוסישען צענטראַלען עקזעקוטיוו קאָמיטעט און פון דעם ראַטה פון פאָלקס קאָמיסאַרען.

87. די סאָוועטען קענען בעטען מעהר קרעדיט פון די רעספּעקטיווע פאָלקס קאָמיסאַרען פאַר אויסגאַבען, וועלכע זיינען ניט אָנגעמערקט אין דעם בודזשעט אָדער ווען די בעשטימטע סומע איז ניט גענוג.

88. אין פאַל די לאָקאַלע פאָנדען זיינען וויינינ פאַר די לאָקאַלע בעדערפענישען, קען מען די נויטיגע שטיצע קריגען פון דער מלוכה קאַסע, ווען מען זאָל זיך ווענדען פאַר דעם צו דעם אַל־רוסישען צענטראַלען עקזעקוטיוו קאָמיטעט, אָדער צום ראטה פון פאָלקס קאָמיסאַרען.

אַרטיקעל 6.

דער הערב און דער פלאַג פון רוסישער סאָציאַליסטישער פעדעראַטיווער סאָוועטען רעפובליק

זיעבצעהנטער קאַפיטעל.

89. דער הערב פון דער רוסישער סאָציאַליסטישער פעדעראַטיווער סאָוועטען רעפובליק בעשטעהט פון א רויטען הינטערגרונד אויף וועלכען עס געפינט זיך אין זונען־שטראַהלען א גאָלדענע קאָסע מיט א האמער (איבערגעקרייצט מיט די הענטלאַך אַרונטער) און אַרומגערינגעלט מיט א קראַנץ מיט דעם אונטערשריפט:

די רוסישע סאָציאַליסטישע פעדעראַטיווע סאָוועטען רעפובליק.

אַרבייטער פון דער וועלט פעראייניגט אייך!

90. דער קאָמערציעלער אַרמעע און פלאָטען פלאַג פון דער רוסישער סאָציאַליסטישער פעדעראַטיווער סאָוועטען רעפובליק בעשטעהט פון א רויטער טוך, וואו אין דעם לינקען ווינקעל פון אויבען געפינען זיך די גאָלדענע בוכשטאַבען ר. ס. פ. ס. ר. אָדער דער אויפשריפט: רוסישע סאָציאַליסטישע פעדעראַטיווע סאָוועטע רעפובליק.

פאָרזיצענדער פון דעם 5טען אַל־רוסישען סאָוועטען קאָנגרעס און פון דעם אַל־רוסישען צענטראַלען עקזעקוטיוו קאָמיטעט — דזש. סווערדלאָוו.

עקזעקוטיווע בעאַמטע — אַל־רוסישער צענטראַלער עקזעקוטיוו קאָמיטעט: ט. י. פיאָדאָראָוויטש, פ. א. ראָזין, א. פּ. ראָזענהאָלץ, א. ס. מיטראָפאַנאָוו און ק. ג. מאַקסימאָוו.

סעקרעטאַר פון דעם אַל־רוסישען צענטראַלען עקזעקוטיוו קאָמיטעט — פ. א. אַפאַנעסאָוו.

V

דאָס רוסישע לאַנד־געזעץ

דאָס פאָלגענדע „גרונד געזעץ וועגען דער סאָציאַליזירונג פון לאַנד“ איז אריין אין קראַפט אין סעפּטעמבער, 1918, פאַרנעהמענדיג דעם פּלאַץ פון דעם פריהערדיגען קירצערען לאַנד־דעקרעט פון נאָוועמבער 7, 1917.

ערשטער טייל

אַלגעמיינע רעגלען.

ארטיקעל 1. אַלע אייגענטהום רעכטע אויף לאַנד, רייכטהי־מער פון דער ערד, וואסערען, וועלדער און אויף די פונדאמענטאַלע נאַטירליכע אוצרות אין די גרענעצען פון דער רוסישער פעדעראַ־ווער סאָוועטען רעפּובליק ווערען אָפּגעשאַפט.

ארטיקעל 2. דאָס לאַנד ווערט איבערגעגעבען פאַר דעם גע־ברויך פון דער גאַנצער ארבייטענדער באַפעלקערונג אָהן וועלכע עס איז באַלאָהנונג, עפענטליכער אָדער געהיימע, צו די פריהערדיגע אייגענטימער.

ארטיקעל 3. דאָס רעכט צו געברויכען לאַנד באַלאַנגט צו די, וועלכע בעארבייטען עס מיט זייער אייגענער מיה, מיט דער אויסנאַהם פון ספּעציעלע פעלע אויסגערעכענט אין דיזען דעקרעט.

ארטיקעל 4. דאָס רעכט צו געברויכען לאַנד קאָן ניט באַ־גרענעצט ווערען צוליעב געשלעכט, רעליגיאָן, נאַציאָנאַליטעט אָדער צוליעב פרעמדער בירגערשאַפט.

ארטיקעל 5. די אונטערערדישע רייכטימער, די וועלדער, וואַסערען און פונדאַמענטאַלע נאַטירליכע אוצרות זיינען אונטער דער אויפזיכט (לויט זייער כאַראַקטער) פון דער אויעזדנער, גו־בערנסקער, אָבלאַסטנאָיער און פעדעראַלער סאָוועט מאַכט און זיינען אונטער דער קאָנטראָל פון דער לעצטער. די מעטאָדע פון אויפ־

זיכט און אויסנוצונג פון די אונטערערדישע רייכטהימער, וואסערען און פונדאמענטאלע נאטירליכע אוצרות וועט בעהאנדעלט ווערען אין א ספעציעלען דעקרעט.

ארטיקעל 6. אלע פריוואטע פיה און אינווענטאר אייגענטום פון ניט־ארבייטענדע הויפען געהען אריבער אָהן געצאָהלט (לויט זייער כאראקטער) צו דער פערוואלטונג פון די אויעזדנע, גובערנסקע, אָבלאסטניע און פעדעראלע סאָוועטען.

ארטיקעל 7. אלע געביידעס אין די הויפען, דערמאָנט אין ארטיקעל 6, אזוי גוט ווי אלע איינריכטונגען פאר ערד־ארבייט, געהען איבער (לויט זייער כאראקטער) צו דער פערוואלונג פון די אויעזדנע, גובערנסקע, אָבלאסטנע און פעדעראלע סאָוועטען, אָהן געצאָהלט.

ארטיקעל 8. אלע פערזאָנען וועלכע זיינען ניט פעהיג צו ארבייטען און וועלכע וועלען צוליעב דעם דעקרעט פון סאָציאליזירונג פון דער גאנצער ערד, וועלדער, אינווענטאר אייגענטהום א. אז. וו. פערלירען אלע מיטלען פאר עקזיסטענץ, קענען בעקומען א פענסיע לויט דער בעשטעטיגונג פון די לאָקאלע געריכטען און פון די לאנד־דעפארטמענטס פון דער סאָוועטען מאכט, עהנליכעס ווי א סאָלדאט קריגט, ביז דער צייט פאר וועלכער דער דעקרעט צו פערזיכערען דעם ארביימס־אונפעהיגען איז ארויסגעגעבען געוואָרען.

ארטיקעל 9. די פערטיילונג פון לאנד פון אן אגריקולטורעלען ווערטה צווישען די ארבייטענדע מאסען איז, לויט זייער כאראקטער, אונטער דער יורידיקציע פון די וואָלאָסטניע (פון עטליכע דערפער), אויעזדנע, גובערנסקע, הויפט און פעדעראלע לאנד־דעפארטמענטס פון די סאָוועטען.

ארטיקעל 10. דאָס איבעריגע לאנד איז אונטער דער אויפזיכט, אין יעדער רעפובליק, פון די לאנד דעפארטמענטס פון די הויפט און פעדעראלע סאָוועטען.

ארטיקעל 11. די לאנד דעפארטמענטס פון די לאָקאלע און צענטראלע סאָוועטען זיינען אויף דעם אופן אָנפערטרויט מיט דער גלייכער פערטיילונג פון לאנד צווישען דער ערד־ארבייטענדער בעפעלקערונג און מיט דער פראָדוקטיווער אויסנוצונג פון נאטירליכע אוצרות. זיי האָבען אויך די פאָלגענדע פליכטען:

א. צו שאפען גינסטיגע בעדינגונגען פאר דער ענטוויקלונג פון די פראדוקטיווע קרעפטען פון לאנד דורך פערגרעסערען די פרוכטבארקייט פון דער ערד, אויסבעסערען די אגריקולטור טעכ־ניק, און, ענדליך, העכערען די מדרגה פון אגריקולטור וויסענשאפט צווישען דער ארבייטענדער בעפעלקערונג.

ג. צו ענטוויקלען פערשיעדענע צווייגען פון דער אגריקולטור אינדוסטריע, ווי בעארבייטען גערטנער, האדעווען פיה, און פראדו־צירען מילך שפייזען, א. ז. וו.

ד. צו פערשנעלערען דעם איבערגאנג פון דער אלטער ניט פראדוקטיווער סיסטעם פון בעארבייטען די פעלדער צו דער נייער פראדוקטיווער סיסטעם (אונטער פערשיעדענע קלימאטען), דורך א געהעריגער פערטיילונג פון דער ארבייטענדער בעפעלקערונג אין פער־שיעדענע טיילען פון לאנד.

ה. צו ענטוויקלען קאלעקטיווע לאנד־בעארבייטונג (אין פאר־צוג צו אינדיווידועלע), אלס די גינסטיגסטע סיסטעם צו שפארען ארבייט און מאטעריאל מיט דעם געדאנק צו געהן וויטער צום סאציאליזם.

ארטיקעל 12. די פארטיילונג פון לאנד צווישען דער ארביי־טענדער בעפעלקערונג זאל אויסגעפיהרט ווערען ווערען אויף דעם גרונד פון יעדען איינעמס פעהיגקייט צו בעארבייטען עס, און און אין צוזאמענהאנג מיט די לאקאלע בעדינגונגען, אזוי אז די פראָ־דוקציאן און פערברויך שטופע זאל ניט צווינגען אייניגע פויע־רים צו ארבייטען איבער זייערע כחות; און צו דער זעלבער צייט זאל עס זיי געבען גענוג מיטלען צו לעבען.

ארטיקעל 13. פערזענליכע ארבייט איז דער אלגעמיינער און פונדאמענטאלער קוואל פון דעם רעכט צו געברויכען די ערד פאר אגריקולטור צוועקען. די ארגאנען פון דער סאוועטען מאכט, הא־בענדיג אין זינען די העכערונג פון דעם אגריקולטור צושטאנד (דורך ארגאניזירונג פון מוסטער פערמעס, אדער פראבע פעלדער), זיינען ערלויבט צו בארגען פון דעם לאנד פאנד (וועלכער האט פריהער בעלאנגט צו דער קרוין, צו די מאנאסטירען, מי־ניסטארען און לאנד אייגענטהימער) געוויסע שטיקער ערד און בע־ארבייטען זיי מיט ארבייטער, וועלכע קריגען בעצאהלט פון שטאאט.

אַזאַ ארבייט איז אונטערוואָרפען די אַלגעמיינע רעגעלען פון אַר־בייטער קאָנטראָל.

ארטיקעל 14. אַלע בירגער וועלכע זיינען בעשעפטיגט מיט ערד ארבייט זאָלען זיין פערזיכערט אויף דעם חשבון פון שטאַאט געגען אַלטקייט, קראַנקהייט אָדער אומגליקספעלע, וועלכע מאַכען זיי אונפעהיג צו דער ארבייט.

ארטיקעל 15. אַלע ערד־ארבייטער, וועלכע זיינען געוואָרען ארבייטס־אונפעהיג, און מיטגליעדער פון זייערע פאַמיליעס, וועלכע זיינען ניט פעהיג צו ארבייטען, דאַרפען בעזאָרגט ווערען פון די אָרגאַנען פון דער סאָוועטען־מאַכט.

ארטיקעל 16. יעדער אַגריקולטור הויף דאַרף זיין פערזיכערט געגען שרפות, עפּידעמיעס אויף פיה, אונגערעטעניש, טריקעניש, האָגעל א. ז. וו. דורך געגענזייטיגע סאָוועט פערזיכערונג.

ארטיקעל 17. איבעררעשט פּראָפיטען, וועלכע קומען צוליעב דער נאַטירליכער פּרוכטבאַרקייט פון לאַנד, אָדער צוליעב דעם וואָס זי געפינט זיך לעבען מערק, זאָלען איבערגעגעבען ווערען צו די אָרגאַנען פון דער סאָוועט מאַכט פאַר געזעלשאַפטליכע צוועקען.

ארטיקעל 18. דער האַנדעל מיט אַגריקולטור מאַשינען און מיט זריעה איז מאָנאָפּאָליזירט פון די אָרגאַנען פון דער סאָוועטען־מאַכט.

ארטיקעל 19. דער תבואה־האַנדעל , אין לאַנד אַזוי גוט ווי מיט אויסלאַנד, זאָל זיין א שטאַאט מאָנאָפּאָל.

צווייטער טייל

ווער עס האָט דאָס רעכט צו געברויכען דאָס לאַנד.

ארטיקעל 20. שטיקער לאַנד קענען געברויכט ווערען אין דער רוסישער פעדעראַטיווער סאָוועטען רעפּובליק פאַר די פאָלגענדע געזעלשאַפטליכע און פּריוואַטע בעדערפנישען :

1. קולטורעלע און בילדונגס צוועקען :

א. דער שטאַאט אין דער פאָרמע פון די אָרגאַנען פון דער סאָוועטען מאַכט (פעדעראַלע, אָבלאַסטנאָיע, גובערנסקע, אויעזדנע און וואָלאָסטנאָיע).

ב. געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציאָנען (אונטער דער קאָנטראָל און מיט דער ערלויבניס פון די לאָקאַלע סאָוועטען).

2. פאַר אַגריקולטור צוועקען:

ג. אַגריקולטור געמיינדעס.

ד. אַגריקולטור פעראיינען.

ה. דאָרפישע געזעלשאַפטען.

ו. איינצעלנע מענשען און פאַמיליעס.

3. פאַר בוי־צוועקען:

ז. די אָרגאַנען פון דער סאָוועטען מאַכט;

ח. געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציאָנען, איינצעלנע מענשען און פאַמיליעס (אויב דאָס בויען איז ניט קיין מיטעל צו מאַכען פראָפיטען).

ט. אינדוסטריעלע, האַנדעלס־ און פערקעהר־אונטערנעהמונגען (מיט דער ספּעציעלער ערלויבעניס און אונטער דער קאָנטראָל פון דער סאָוועט־מאַכט.

4. צו בויען פערקעהרס־וועגען:

י. די אָרגאַנען פון דער סאָוועט־־מאַכט (פעדעראַלע, אָבלאַסטנאָיע, גובערנסקע, אויעזדנע און וואָלאָסטנאָיע, לויט דער וויכטיגקייט פון די פערקעהרס־וועגען).

דריטער טייל.

די אָרדונג אין וועלכער די ערד ווערט פאַרטיילט.

אַרטיקעל 21. לאַנד ווערט געגעבען צו די וועלכע ווילען עס בעאַרבייטען אליין פאַר די נוצען פון דער געזעלשאַפט און ניט פאַר איינענע נוצען.

אַרטיקעל 22. פאָלגענדע איז די אָרדנונג אין וועלכער ערד ווערט געגעבען פאַר פּערזענליכע אַגריקולטורעלע בעדערפּנישען:

1. צו לאָקאַלע ערד־אַרבייטער, וועלכע האָבען ניט קיין ערד אָדער וועלכע האָבען אַ קליינעם שטח לאַנד, און צו געוועזענע געדונגענע ערד־אַרבייטער, אויף אַ גלייכען באַזיס.

2. אַגריקולטורעלע עמיגראַנטען וועלכע זיינען געקומען אין אַ געוויסען פּלאַץ נאָכדעם ווי דער דעקרעט וועגען סאָציאַליזירונג פון לאַנד איז אַרויסגעגעבען געוואָרען.

3. צו ניט ערד־ארבייטענדע עלעמענטען אין דער אָרדנונג פון זייער פארשרייבען זיך אין די לאַנד דיפּארטמענטס פון די לאָקאלע סאָוועטען.

בעמערקונג: ווען די אָרדנונג פון לאַנד פער־טיילונג ווערט ארגאַנזשירט, ווערט דער פאָרצוג געגעבען צו ארבייטענדע אגריקולטורעלע פעראיינען איבער אינדיווידועלע לאַנד־טיילען.

ארטיקעל 23. פאַר דעם צוועק פון בעארבייטען גערטענער, כאפּען פיש, האָדעווען פיה, אויפבריינגען וועלדער, ווערט ערד גע־געבען אויפ׳ן פאָלגענדען באַזים:

(1) לאַנד וואָס קען ניט בעארבייט ווערען; (2) לאַנד וואָס קען בעארבייט ווערען, אָבער צוליעב דעם פלאַץ וואו עס געפינט זיך קען עס בעסער בענוצט ווערען פאַר אנדערע אגריקולטורעלע צוועקען.

ארטיקעל 24. אין די דאָרפישע געגענדען ווערט לאַנד בענוצט פאַר בוי־צוועקען לויט דעם בעשלוס פון די לאָקאלע סאָוועטען און פון דער בעפעלקערונג.

אין שטעדט קען מען קריגען ערד אין דער אָרדנונג פון די פערלאַנגען וועלכע זיינען געמאַכט געוואָרען צו די רעספּעקטיווע לאָקאלע סאָוועטען, אויב די געפּלאַנטע געביידע דראָהעט ניט צושאַדען די ארומיגע געביידעס און אויב זי קומט נאָך אלע אנדערע פאָדערונגען פון די בוי־רעגעלען.

בעמערקונג: פאַר דעם צוועק צו בויען גע־זעלשאַפטליכע געביידעס, ווערט ערד געגעבען ניט אַכטענדיג די אָרדנונג, ווען דער פערלאַנג איז געמאַכט געוואָרען.

פיערטער טייל.

די שטופע פון אגריקולטורעלער פּראָדוקציאָן און געברויך.

ארטיקעל 25. דער שטח לאַנד וואָס ווערט געגעבען צו איינ־צעלנע צו בעארבייטען און צו ציהען זייער חיונה, טאָר ניט זיין גרעסער ווי די אָנגענומענע מאָס פון פּראָדוקציאָן און געברויך וואָס איז בעשטימט געוואָרען אלס א באַזיס, לויט די אָנווייזונגען וועלכע ווערען דאָ אונטען אָנגעגעבען.

1. די גאַנצע אַגריקולטורעלע רוסלאַנד איז איינגעטיילט אין אַזוי פיעל קלימאַטישע טיילען, וויפיעל עס זיינען דאָ היסטאָריש עקזיסטירענדע סיסטעמען פון פעלד קולטיווירונג אין אַ געוויסער אַגריקולטורעלער פעריאָדע.

2. פאַר יעדער אַגריקולטורעלער געגענד איז בשטימט אַ ספּעציעלע שטופע פון פּראָדוקציאָן און געברויך. אין דער געגענד קען די שטופע געענדערט ווערען לויט דעם קלימאַט און נאַטירליכע פרוכטבאַרקייט פון דער ערד, און אויך לויט דעם פּלאַץ (לעבען אַ מאַרק אָדער אייזענבאַהן) און אַנדערע בעדינגונגען וועלכע זיינען פון גרויס לאָקאַלער וויכטיגקייט.

3. פאַר דער פּינקטליכער בעשטימונג פון דער שטופע אין יעדער געגענד איז נויטיג צו מאַכען אַן אַל־רוסישען אַגריקולטור־צענזוס אין דער נאָהענטער צוקונפט.

ב ע מ ע ר ק ו נ ג: נאָך דעם ווי די סאָציאַליזירונג פון דער לאַנד וועט זיין דורכגעפיהרט, וועט זיין נויטיג גלייך אויסמעסטען זי און צו בעשטימען איהר טאָפּאָגראַפיע (די פיזישע אייגענשאַפטען און אייגענטימליכקייטען פון לאַנד).

אָנווייזונגען ווי צו בעשטימען די מאָס פון פּראָדוקציאָן און פערברויך פאַר דער בענוצונג פון לאַנד וואָס האָט אַן אַגריקולטורעלען ווערטה.

די פאַרטיילונג פון לאַנד אויף דעם באַזיס פון פּראָדוקציאָן און געברויך צווישען דער ערד־אַרבייטענדער בעפעלקערונג זאָל אויסגעפיהרט ווערען שטופענווייז אין פערשיעדענע אַגריקולטורעלע געגענדען לויט די רעגעלען וואָס זיינען דאָ אויסגערעכענט.

ב ע מ ע ר ק ו נ ג: ביז די סאָציאַליזירונג פון דער ערד איז אין גאַנצען פערווירקליכט, וועלען די בעציהונגען צווישען די ערד אַרבייטער רעגולירט ווערען פון די לאַנד דעפּאַרטמענטס פון די סאָוועטען לויט ספּעציעלע אינסטרוקציעס.

5. כדי צו בעשטימען די פּראָדוקציאָנס־ און געברויכס־שטופע פון אַ געוויסער קלימאַטישער געגענד, איז נויטיג צו נעהמען דעם צושטאַנד פון אַ דורכשניטליכען אַגריקולטורעלען הויף פון איינעם פון די אויעזדען פון יענער געגענד מיט אַ קליינער בעפעלקערונג, און מיט אַזאַ פּראָפּאָרציע פון פערשיעדענע אַגריקולטורעלע מעלות, וועלכע, לויט דער מיינונג פון די לאָקאַלע איינוואוי־

נער (אָבלאַסטנאָיער אָדער גובערנסקער קאָנגרעס פון די לאַנד־דע־פּאַרטמענטס פון די סאָוועטען) וועלען אנערקענט ווערען אַלס העכסט נאָרמאַלע, ד. ה'. די גינסטיגסטע פאַר דעם סאָרט פעלד קולטיווירונג, וועלכער הערשט אין יענער קלימאַטישער געגענד.

6. כדי צו בעשטימען וואָס הייסט א דורכשניטליכער אגרי־קולטורעלער הויף, איז נויטיג צו נעהמען אין אנבעטראכט בלויז די ערד וועלכע האָט ווירקליך בעלאַנגט צו די ארבייטענדע פויערים ביז דעם יאָהר 1917, ד. ה. די ערד וואָס איז געקויפט געוואָרען פון פויערים אָרגאַניזאַציאָנען, פעראיינען און איינצעלנע פּערזאָנען און לאַנד וואָס איז איבערגעלאָזען געוואָרען אַלס א ירושה און וואָס איז געהאַלטען געוואָרען אויף ארענדא.

7. וועלדער און אונטער־ערדישע אוצרות און וואסערען ווע־רען ניט גערעכענט אין דער בעשטימונג.

8. פּריוואטע ערד, וועלכע איז קיין מאָל ניט געברויכט גע־וואָרען פאַר אגריקולטורעלע צוועקען און וועלכע האָט פאַקטיש בע־לאַנגט צום שטאַאט, צו פּריוואטע באַנקען, מאָנאַסטירען, אָדער לאַנד־אייגענטהימער וועט ניט גענומען ווערען אין אנבעטראַכט אין דער בעשטימונג, ווייל זי וועט אַריינגערעכענט ווערען אין דעם לאַנד פאָנד, פון וועלכע מען וועט געבען ערד צו די לאַנדלאָזע פוי־ערים און צו די וואָס האָבען ווייניגער לאַנד ווי עס איז בעשטימט פון דער שטופע פון פּראָדוקציאָן און געברויך.

9. כדי צו בעשטימען דעם סך הכל פון לאַנד וואָס האָט ווירק־ליך בעלאַנגט צו די אַרבייטענדע פויערים ביז דער רעוואָלוציאָן פון 1917, איז נויטיג צו בעשטימען דעם סכום לויט דעם ספּע־ציעלען כאַראַקטער פון דער ערד (פעלד, פּאַשע, לאָנקעס, גראָבענס, גאָרטען, פרוכט גאָרטען, געביידען).

10. די בעשטימונג מוז געמאַכט ווערען אין פּינקטליכע ציי־פערען, אַזוי גוט ווי אין דער פּראָפּאָרציע פון דעם גאַנצען סכום צו יעדען איינצעלנעם הויף, קאָלאָניע, דאָרף, אויעזד, גובערניע, אָדער אָבלאַסט, אָדער צו דער גאַנצער קלימאַטישער געגענד פון א געוויסען סיסטעם פון פעלד קוולטיווירונג.

11. ווען דער סכום פון לאַנד ווערט אויף אזא אופן בעשטימט, איז וויכטיג צו בעשטימען די קוואַליטעט פון יעדען אַקער פון אַן

איינגעגאַרטיגער פעלד, אָדער לאַנקע, דורך פעסטשטעלען די מאָס תבואה אָדער היי (אין פודען) וואָס איז ארויסגעקראָגען געוואָרען פון אַן אַקער לאַנד פון דער אַנגעגעבענער געגענד אין די לעצטע 10 יאָהר.

12. אין בעשטימען דעם שטח און קוואַליטעט פון לאַנד, איז נויטיג פעסטצושטעלען צו דער זעלבער צייט די גאַנצע בעפעלקערונג פון דער אַנגעגעבענער קלימאַטישער געגענד וואָס איז בעשעפטיגט אין אַגריקולטור, און אויך דעם טייל פון דער בעפעלקערונג וועלכע ערנעהרט זיך אויף דעם חשבון פון ערד ארבייט.

13. דער צענזוס פון דער בעפעלקערונג וואָס איז בעשעפטיגט אין ערד ארבייט זאָל גענומען ווערען לויט'ן געשלעכט, עלטער און פאַמיליע פון יעדען גוט, און די אינפאָרמאַציאָן וואָס ווערט גענזאַמעלט זאָל שפּעטער קלאַסיפיצירט ווערען לויט דערפער, אויעזדען, גובערניעס פון א געוויסער געגענד.

14. נעהמענדיג דעם צענזוס פון דער בעפעלקערונג, איז נויטיג צו אויסגעפינען די צאָהל ארבייטער און מיטגלידער וועלכע זיינען אָבהענגיג פון זיי, און פאַר דעם צוועק איז די גאַנצע בעפעלקערונג איינגעטיילט אין די פאָלגענדע קלאַסען, לויט דער עלטער.

די וואָס זיינען אונפעהיג צו ארבייטען:

מיידלעך — — — — — — — — — ביז 12 יאָהר,
אינגלעך — — — — — — — — — ביז 12 יאָהר,
מענער — — — — — — — — — — פון 60 יאָהר אָן
פרויען — — — — — — — — — פון 50 יאָהר אָן.

די וואָס זיינען אונפעהיג צו ארבייטען צוליעב פיזישער אָדער גייסטיגער קראַנקהייט ווערען פאַרשריבען באַזונדער.

די וואָס זיינען פעהיג צו ארבייטען:

מענער פון 18 ביז 60 יאָהר — — — 1 ארבייטס קראַפט
פרויען פון 18 ביז 50 יאָהר — — — 0.8 " "
אינגלעך פון 12 ביז 16 יאָהר — — 0.5 " "
מיידלעך פון 12 ביז 16 יאָהר — — 0.5 " "
אינגלעך פון 16 ביז 18 יאָהר — — 0.75 " "
מיידלעך פון 16 ביז 18 יאָהר — — 0.6 " "

ב ע מ ע ר ק ו נ ג: די ציפערען קענען געענדערט

ווערען לויט דעם קלימאַט אין די אָרטיגע בעדינגונגען דורך דער בעשטימונג פון די פּאַסענדע אָרגאַנען פון דער סאָוועטען מאַכט.

15. צוטיילענדיג די צאָהל אַקער לאַנד אויף דער צאָהל אַר־בייטס־קרעפטע, וועט פעסטגעשטעלט ווערען די צאָהל אַקער לאַנד אויף יעדע אַרבייטס־קראַפט.

16. די צאָהל אַרבייטס־אונפעהיגע מיטגליעדער אויף יעדע אַרבייטס־קראַפט קען אויסגעפונען ווערען ווען מען זאָל צוטיילען די גאַנצע צאָהל פון אונפעהיגע אויף דער צאָהלפון דיאַרבייטס־קרעפטע.

17. עס איז אויך נויטיג צו פערשרייבען און אויסרעכענען די צאָהל אַרבייטס־פיה און די פיה וואָס קענען ערנעהרט ווערען אויף איין אַקער לאַנד און מיט איין אַרבייטס־קראַפט.

18. אום צו בעשטימען וואָס הייסט אַ דורכשניטליכער לאַנד־בעזיצענדער פויער אין אַ אויעזד, איז נויטיג צו אויסגעפינען די קוואַליטעט און פּרוכטבאַרקייט פון דעם דורכשניטליכען אַקער. דיעזער דורכשניט איז די מאָס תבואה פון פערשיעדענע שטיקער לאַנד צוטיילט אויף דער צאָהל שטיקער לאַנד.

19. דער דורכשניט בעשטימט אין דעם אויבען־דערמאָנטען וועג וועט דיענען אַלס אַ באַזיס פאַר דער בעשטימונג פון פּראָדוק־ציאָן און געברויך־שטופע דורך וועלכע אַלע גיטער ווערען אויסגע־גליכען ווערען פון דעם לאַנד־פאָנד.

בעמערקונג: אין פאַל דער דורכשניט וואָס ווערט בעשטימט נאָך פאָרלויפיגע אויסרעכנונגען, ווי אויבען אָנגע־וויזען, ציינט זיך אַרויס צו זיין ניט גענוגענד פאַר אַן עקזיס־טענץ (זעהט ערשטען טייל, אַרטיקעל12), קען ער פערגרעסערט ווערען פון דעם לאַנד־פאָנד.

20. אום צו בעשטימען וויפיעל לאַנד עס איז נויטיג צו דערלעגען די פויערים, ווען מען האָט זיי פריהער צו וועניג לאַנד איינגעטיילט, דאַרף מען כפל'ען די צאָהל אַקער לאַנד פאַר יעדע אַר־בייטס־קראַפט אין אַן אויעזד אויף דער סומע אַגריקולטורעלע אַר־בייטס־קרעפטע פון דער בעטרעפענדער קלימאַטישער געגענד, און אַראָפּרעכענען פון דער סומע דעם סכום לאַנד, וואָס געפינט זיך אין בעזיץ פון דער אַרבייטענדער בעפעלקערונג.

.21 ווייטער, ווען עס וועט פעסטגעשטעלט ווערען די צאהל אקערם לאנד (אין ציפערען און פראצענטען לויט דעם כאראקטער) וואס דער לאנד פאנד האט, און ווען די ציפער וועלען פערגליכען ווערען מיט דעם סכום פון לאנד וואס איז נויטיג פאר ווייטערע פערטיילונג צווישען די פויערים וואס האבען ווייניג לאנד, דארף פאלגענדעס בעשטימט ווערען: איז עס מעגליך צו בעשרענקען די עמיגראציע אין די גרענעצען פון דער בעטרעפענדער קלימאטישער געגענד? אויב יא, דאן איז נויטיג צו בעשטימען די גרויס פון דער לאנד פאנד און פאר וויפעל ער קען גענוג זיין. אויב עס איז ניט מעגליך צו בעשרענקען די עמיגראציע אי דער בעטרעפענדער קלימאטישער געגענד, דארף מען בעשטימען וויפיעל פאמיליעס עס וועלען דארפען עמיגרירען אין אן אנדער געגענד.

בעמערקונג: די הויפט לאנד דעפארטמענטס פון דער סאוועטען מאכט מוזען אינפארמירט ווערען וועגען דעם סכום פון איבערגעבליבענע לאנד פונקט אזוי גוט ווי אין דעם פאל אז עס פעהלט ערד, און דער פלאץ, דער סכום אין דער סארט פון ניט פארנומענע לאנד מוז אנגעוויזען ווערען.

.22 ווען א ווייטערע פערטיילונג קומט פאר, איז נויטיג צו וויסען דעם ריכטיגען סכום און די קוואליטעט פון דאס לאנד, וועלכע די פויערים בעזיצען, די צאהל פיה וואס זיי האבען, די צאהל מיטגלידער פון די פאמיליעס א. ז. וו.

.23 ווען א ווייטערע פערטיילונג קומט פאר לויט דעם פראדוקציאן און געברויך שטופע, מוז די מאס געהעכערט ווערען אין פאלגענדע פעלע:

(1) ווען די ארבייטס קראפט פון א פאמיליע טראגט א צו גרויסען לאסט צוליעב דער צאהל פון ארבייט אונפעהיגע מיטגלידער;

(2) ווען דאס לאנד וואס א פאמיליע בעזיצט איז ניט פרוכטבאר גענוג;

(3) לויט דער קוואליטעט פון דער ערד פון לאנד פאנד וואס ווערט געגעבען צום פויער (דאס זעלבע איז בנוגע די לאנקעס).

.23 ווען א ווייטערע פערטיילונג פון לאנד קומט פאר און אין דער אנגעגעבענער געגענד פעהלען דער ערד געוויסע אייגענשאפטען,

קריגט דער פויער א געוויסען שטח לאַנד וועלכע בעזיצט אַנדערע מעלות.

פינפטער טהייל

דאָס בענוצען פון לאַנד פאַר בוי־צוועקען, אַגריקולטור און בילדונגס צוועקען א. א. וו.

אַרטיקעל 26. ווען לאַנד איז איינגעטיילט פאַר בילדונגס און אינדוסטריעלע צוועקען און אויך פאַר בויען וואוינונגען, פאַר האָדעווען פיה און אַנדערע אַגריקולטורעלע בעדערפניסע (מיט דער אויסנאַהמע פון פעלד ארבייט), זאָל דער סכום ערד וואָס מען דאַרף איינטיילען בעשטימט ווערען פון די לאָקאַלע סאָוועטען לויט די בעדערפניסע פון די איינצעלנע פערזאָנען אָדער אָרגאַניזאַציאָנען, וועלכע בעטען די ערלויבנים צו געברויכען דאָס לאַנד.

זעקסטער טייל

עמיגראַציע.

אַרטיקעל 27. אין פאַל דער לאַנד פאָנד אין א געוויסער געגענד צייגט זיך ארויס צו זיין ניט גענוגענד פאַר א ווייטערדיגע פאַרטיילונג צווישען די פויערים, קען דער איבעררעשט פון דער בעפעלקערונג איבערגעפיהרט ווערען אין אַן אַנדער געגענד וואו עס איז פאַראַן גענוג לאַנד.

אַרטיקעל 28. דאָס איבערפיהרען פון איין געגענד צו א צווייטער זאָל פאָרקומען בלויז נאָך דעם, ווי אַלע פויערים פון דער לעצטער געגענד האָבען געקראָגען גענוג לאַנד.

אַרטיקעל 29. די עמיגראַציע פון איין געגענד אין א צווייטער, אַזוי גוט ווי די איינטיילונג פון די איינוואוינער אין דער געגענד גופא מוז אויסגעפיהרט ווערען אויפ'ן פאָלגענדען אופן: צוערשט זאָלען עמיגרירען די וואָס געפינען זיך אמווייטסטען פון דעם לאַנד פאָנד כדי אז:

א. די ערד פון דעם לאַנד פאָנד זאָל פריהער פון אַלעם פאַרברויכט ווערען פון די פויערים פון דעם דאָרף אָדער דערפעל, וועלכע געפינען זיך אין שכנות מיט דעם לאַנד פאָנד.

ב ע מ ע ר ק ו נ ג: אויב עס זיינען דאָ עטליכע אזעלכע

דערפער, ווערט דאס לאנד געגעבען צו די, וואס האבען עס בעאר־בייט פריהער.

ב. דער צווייטער פלאץ ווערט געגעבען צו די פויערים פון וואלאסט אין וועמעס גרענעצען דער לאנד פאנד געפינט זיך.

ג. דער דריטער פלאץ ווערט געגעבען צו די פויערים פון דעם אויעזד, אין וועמענס גרענעצען דער לאנד־פאנד געפינט זיך.

ד. ענדל:יך, ווען די אנגעגעבענע סיטעם פון פעלד קולטי־ווירונג פארנעמט עטליכע גובערניעס, בעקומען די פויערים פון דער גובערניע, אין וועמעס גרענעצען דער לאנד פאנד געפינט זיך.

ארטיקעל 30. די עמיגראציאן געהט, אלזא, צו אין דער פאלגענדער ארדנונג: (א) פרייוויליגע זיינען די ערשטע צו עמיגרירען. (ב) צווייטענס, די ארגאניזאציאנען וועלכע ליידען אמ־מעהרסטען פון מאנגעל אין ערד. (ג) אגריקולטוערעלע געזעלשאפ־טען, געמיינדעס, גרויסע פאמיליעס, און קליינע פאמיליעס, וועלכע האבען א קליינעם שטח לאנד.

ארטיקעל 31. דאס פארטיילען פון לאנד צווישען ערד ארביי־טער, וועלכע דארפען עמיגרירען, זאל אנגעפיהרט ווערען ווי פאלגט. צוערשט, קליינע פאמיליעס, וועלכע ליידען פון מאנגעל אין ערד; צווייטענס, גרויסע פאמיליעס, וועלכע ליידען פון מאנגעל אין ערד; דריטענס, אגריקולטורעלע געזעלשאפטען און, לעצטענס, געמיינדעס.

ארטיקעל 22. דאס איבערפיהרען פון פויערים פון איין גע־גענד אין א צווייטער זאל געטהאן ווערען מיט איבערלייגונג, אזוי אז דער נייער פלאץ זאל געבען דעם פויער א מעגליכקייט ערפאלגרייך צו קולטיווירען די ערד און אז די קלימאטישע בעדינגונגען זאלען זיין עהנליך צו די פון זיין פריהערדיגען וואוינונגס־ארט. אין דעם פאל איז נויטיג צו נעהמען אין אנבעטראכט די געוועהנהייטען און נאציאנאליטעט פון די עמיגראנטען.

ארטיקעל 33. די הוצאות פאר איבערפיהרען פויערים אין נייע פלעצער זאלען געדעקט ווערען פון שטאאט.

ארטיקעל 34. אין פארבינדונג מיט דעם אריבערפיהרען פון די פויערים, זאל זיי דער שטאאט העלפען בויען היימען, וועגען, קא־נאלען און ברונימער, צו קריגען אקערבוי מאשינען און קינסטליכע

בעמיסטיגונג, שאַפען קינסטליכע וואַסער סיסטעמען (ווען נויטיג) און בויען בילדונגס־צענטערן.

ב ע מ ע ר ק ו נ ג: מיט דעם צוועק צו פערשנעלערען די עטאַבלירונג פון ערד ארבייט אויף אַ סאָציאַליסטישען באַזיס, באַט אַן דער שטאַאט צו געבען די עמיגראַנטען יעדע מעגליכע שטיצע צו איינפיהרען אַ סיסטעמאַטישע און וויסענשאַפטליכע פערוואַלטונג פון קאָלעקטיווע הויפען.

זיבעטער טייל

ווי אַזוי אויסצונוצען דאָס לאַנד.

ארטיקעל 35. די רוסישע פעדעראַטיווע סאָוועטען רעפּובליק, מיט דעם צוועק צו עררייכען סאָציאַליזם, באַט אַן צו געבען שטיצע (קולטורעלע און מאַטעריעלע) צו דער אַלגעמיינער בעאַרבייטונג פון לאַנד, געבענדיג דעם פאָרצוג צו די קאָמוניסטישע און קאָאָפּעראַטיווע הויפען פאַר די אינדיווידועלע.

ארטיקעל 36. לאַנד פון קאָאָפּעראַטיווע און אינדיווידועלע הויפען מוזען, אויב מעגליך, זיין אין דער זעלבער געגענד.

אכטער טייל

צו קריגען דאָס רעכט צו געברויכען לאַנד.

ארטיקעל 37. לאַנד קען מען קריגען:

(א) פאַר בילדונגס צוועקען.

1. געזעלשאַפטליכע בעדערפנישען.

(ב) פאַר אַגריקולטורעלע צוועקען.

1. פערזענליווע בעאַרבייטונג.

(ג) פאַר בוי צוועקען.

1. געזעלשאַפטליכע געביידעס.
2. וואוינונגען.

(ד) פאַר דעם צוועק צו בויען פערקעהרס־וועגען.

1. געזעלשאַפטליכע נויטווענדיגקייט.

ניינטער טייל.

די אָרדנונג אין וועלכער מען קען קריגען דאָס רעכט צו געברויכען לאַנד.

ארטיקעל 38. א פערלאַנג מוז אָנגעגעבען ווערען אין דעם לאַנד דעפּאַרטמענט פון דער סאָוועט מאכט, אין וועמעס יוריס־דיקציע די פערלאַנגטע ערד ליגט.

ארטיקעל 39. אין פערלאַנג ווערט אָנגעוויזען די אָרנונג, אין וועלכער די ערלויבענים צו געברויכען לאַנד ווערט געגעבען. די ער־לויבענים ווערט געגעבען אויף דעם באַזיס פון די אַלגעמיינע רע־געלען פון דעם דעקרעט.

ב ע מ ע ר ק ו נ ג: דער פערלאַנג זאָל ענטהאַלטען פאָל־גענדע אינפאָרמאַציאָנען, אַלס צוגאָב צו דעם פולען נאָמען און אדרעס פון דער פערזאָן, וועלכע פערלאַנגט צו געברויכען די ערד: פריהערדיגע בעשעפטיגונג, דער צוועק פאַר וועלכען ערד ווערט פערלאַנגט, דער אינוועטאַר און דער אָרט, וואו די פערלאַנגטער ערד געפינט זיך און ווי גרויס איז דער שטח.

ב ע מ ע ר ק ו נ ג. אויב דער לאַנד דעפּאַרטמענט פון וואָלאָסטנאָי סאָוועט ענטזאָגט די ערלויבענים צו געברויכען לאַנד, קען די פראַגע פאָרגעבראַכט ווערען (אין פערלויף פון א וואָך צייט) פאַר דעם דעפּאַרטמענט פון אויעזדנעם סאָוועט; אין פאַל דער אויעזדנער סאָוועט ענטזאגט, קען דאָס פאָרגע־בראַכט ווערען פאַר'ן לאַנד דעפּאַרטמענט פון גובערנסקען סאָ־וועט אין פערלויף פון צוויי וואָכען צייט.

ב ע מ ע ר ק ו נ ג: דאָס רעכט צו געברויכען לאַנד (אונטעראירדישע רייכטהימער, וואַסערען, וועלדער און פונדאַ־מענטאַלע נאַטירליכע אוצרות) קען מען פאַר קיין פאַל ניט קריגען דורך קויפען, דינגען, ירשנ'ען אָדער דורך וועלכער עס איז פריוואַטער פערהאַנדלונג.

צעהנטער טייל

ארטיקעל 40. דאָס רעכט צו געברויכען די ערד געהט אריין אין קראַפט אין דער פאָלגענדער אָרדנונג.

ארטיקעל 41. דאָס רעכט צו געברויכען ערד פאַר בוי צווע־

קען געהט אריין אין קראפט, ווען דאָס שטיק ערד ווערט פארנומען אָדער ווען עס ווערען געמאכט פאַרבעררייטונגען צו פאַרנעהמען עס, אָבער ניט שפּעטער פון דריי מאָנאטען נאָכדעם ווי די ערלויבענים פון לאָקאַלען סאָוועט איז ערהאַלטען געוואָרען.

ב ע מ ע ר ק ו נ ג: אונטער פאַרבערייטונג מיינט מען דאָס צושטעלען פון בוי־מאַטעריאַלען צום פּלאַץ, אָדער דאָס שליסען פון אַ קאָנטראקט מיט ארבייטער.

ארטיקעל 42. דאָס רעכט צו געברויכען ערד פאַר אגריקול־טורעלע צוועקען (אויף דעם באַזיס פון פּערזענליכע ארבייט) געהט אריין אין קראַפט, ווען מען פאַנגט אָן ארבייטען פון אָנפאַנג פון נאָהענטסטע אגריקולטורעלען סעזאָן.

ארטיקעל 43. דאָס רעכט צו געברויכען ערד פאַר פעלד קול־טיווירונג געהט אריין אין קראַפט, ווען די פעלד ארבייט האָט זיך ווירקליך אָנגעפאַנגען (אָהן געדונגענע ארויסהעלפער) אין אָנפאַנג פון נאָהנטסטען אגריקולטורעלען סעזאָן נאָך דעם ווי די ערלויבענים פון לאָקאַלען סאָוועט איז ערהאַלטען געוואָרען.

ב ע מ ע ר ק ו נ ג: געביידעס אויף ערד וואָס קען בע־ארבייט ווערען קענען געבוים ווערען בלויז מיט דער ערלויבענים פון לאַנד דעפּאַרטמענט פון דער סאָוועטען רעפּובליק.

ארטיקעל 44. אין פאַל עס איז אונמעגליך צו געברויכען די ערד אין פערלויף פון דער צייט, וואָס איז ערלויבט געוואָרען פון דעם לאַנד דעפּאַרטאַמענט, קען דער לעצטער פאַרלענגערען די צייט, אויב עס איז פאַראַן אַ גוטע אורזאַכע, ד. ה. קראַנקהייט פון ארבייטענדע קרעפטע, שטערונגען פעראורזאַכט פון עפּידעמיעס א. אז. וו.

עלפטער טייל

דאָס איבערגעבען פון רעכטען צו געברויכען אַ געוויסען שטח לאַנד.

ארטיקעל 45. דאָס רעכט צו געברויכען לאַנד קען ניט אי־בערגעגעבען ווערען.

ארטיקעלע 46. דאָס רעכט צו געברויכען לאַנד קען קריגען יעדער אויף דעם באַזיס פון דעם דעקרעט, און דאָס רעכט קען ניט איבערגעגעבען ווערען פון איין פערזאָן צו אַ צווייטער.

צוועלפטער טייל

צייטווייליגע אָבשאַפונג פון רעכט צו געברויכען די ערד.

אַרטיקעל 47. דאָס רעכט פון וועלכער עס איז פּערזאָן צו געברויכען אַ שטח לאַנד קען צוריקגעצויגען ווערען פאַר אַ געוויסער צייט, ניט אָוועקנעהמענדיג עס גאַר אין גאַנצען.

אַרטיקעל 48. יעדער איינער וואָס באַרגט ערד קען אויפהערען געברויכען די ערד אין אַ געוויסער צייט און דאַרף האָבען דאָס רעכט אויף דער ערד. (א) ווען נאַטירליכע אומגליקען (פערפלייצונג א. אז. וו.) בערויבען איהם פון דער מעגליכקייט; (ב) ווען דער ערד אַרבייטער איז צייטווייליג קראַנק; (ג) ווען דער ערד־אַרבייטער ווערט אָוועקגערופען צו טהאָן אַ וועלכע עס איז רעגירונגס פליכט; אָדער צוליעב וועלכע עס איז אַנדער אורזאַכע, וועלכע איז גילטיג פון אַ געזעלשאַפטליכען שטאַנדפּונקט. ער קען אָנהאַלטען דאָס לאַנד ביז דער צייט, ווען די בעדינגונגען וועלען איהם ערלויבען אָנצופאַנגען געברויכען דאָס שטיק לאַנד.

בעמערקונג: די פעריאָדע פון אַזאַ צייטווייליגען אויפהער דאַרף בעשטימט ווערען אין יעדען פאַל פון דעם לאַנד דעפּאַרטמענט פון לאָקאַלען סאָוועט.

אַרטיקעל 49. מיט יעדען צייטווייליגען אויפהער צו געברויכען די ערד (ווי עס איז אָנגעצייגט אין אַרטיקעל 48) אָרגאַניזירט דער לאָקאַלער סאָוועט הילף פון דער געמיינדע פאַר דעם ערד־אַרבייטער, אָדער ער שטעלט אָן אַרבייטער, געצאָהלט פון שטאַאט און אונטערוואָרפען אונטער די אַלגעמיינע רעגעלערען פון אַרבייטער קאָנטראָל, צו טהאָן די אַרבייט פון דעם געטראָפענעם ערד־אַרבייטער (צייטווייליגע אונפעהיגקייט, טויט א. אז. וו.), אַזוי אַז מען זאָל רעטען זיין פערמעגען און אָנגעהן מיט דער פּראָדוקציאָן.

דרייצעהנטער טייל

דאָס פערלירען דאָס רעכט צו געברויכען די ערד.

אַרטיקעל 50. דאָס רעכט צו געברויכען לאַנד קען אָפּגעשאַפט ווערען פאַר אַ גאַנצער אַגריקולטור איינהייט, אָדער פאַר די איינצעלנע מיטגליעדער.

אַרטיקעל 51. דאָס רעכט פון דער בעטרעפענדער פּערזאָן צו

געברויכען לאַנד קען אַנגענומען ווערען פאַר זיין גאַנצען שטח, אָדער פאַר א טייל דערפון.

ארטיקעל 52. דאָס רעכט ווערט אוועקגענומען (א) אויב די אָרגאַניזאַציאָן, אָדער דער צוועק פאַרוועלכען זי האָט גענומען לאַנד איז אָבגעשאַפט געוואָרען; (ב) אויב קערפערשאַפטען, געזעלשאַפטען, געמיינדעס א. אז. וו. לעזען זיך אויף; (ג) אויב דער איינצעלנער געפינט עס אונמעגליך צו קולטיווירען דעם פעלד, אָדער צו טהאָן אנדערע אגריקולטורעלע ארבייט, און אויב צו דער זעלבער צייט האָט די פערזאָן אַנדערע מיטלען פאַר עקזיסטענץ; (ד) מיט דעם טויט פון דער פערזאָן, אָדער ווען זיינע ציווילע רעכטע זיינען אוועקגענומען געוואָרען פון געריכט.

ארטיקעל 53.. דאָס רעכט צו געברויכען א שטח לאַנד ווערט אָבגעשאַפט:

(א) אין פאַל פון א פאָרמעלען ענטזאגען זיך צו געברויכען דאָס לאַנד;

(ב) אין פאַל פון אַן אָפענער ניט וויליגקייט צו געברויכען דעם שטח לאַנד, כאָטש קיין פאָרמעלע ענטזאגונג איז ניט געמאַכט געוואָרען;

(ג) אין פאַל די ערד ווערט געברויכט פאַר ניט געזעצליכע צוועקען (ווי וואַרפען שמוץ);

(ד) אין פאַל די ערד איז עקספּלואַטירט דורך ניט געזעצליכע מיטלען (ווי פאַרדינגען לאַנד אין געהיים);

(ה) אין פאַל דער געברויך פון דער ערד פון א געוויסער פערזאָן ברענגט שאַדען דעם שכן (ווי דאָס פאַבריצירען פון כעמישע שטאָפען).

ב ע מ ע ר ק ו נ ג: דער וואָס באַרגט דאָס לאַנד, וועט זיין רעכט צו געברויכען די ערד הערט אויף, האָט ער א רעכט צו פאָדערען פון די רעספּעקטיווע לאַנד דעפּאַרטמענטס פון די סאָוועטען א בעלאָהנונג פאַר די ניט אויסגענוצטע אויסבעסערונגען און די ארבייט וואָס איז אריינגעלייגט געוואָרען אין דער ערד, אויב דער בעטרעפענדער שטח לאַנד האָט איהם ניט אריינגעבראַכט גענוג פּראָפיט.

פאַרזיצענדער פון'ם אַל־רוסישען צענטראַלען עקזעקוטיוו קאָמיטעט
סווערדלאָוו.

מיטגליעדער פון דער עקזעקוטיוו קערפערשאַפט:
ספירידאָנאָווא, מוראַנאָוו, זינאָוויעוו, אוסטינאָוו, קאַמ־
קאָוו, לאַנדער, סקולאָוו, וואָלאָדאַרסקי, פעטערסאָן, נאַ־
טאַנזאָן־באַבראָוו.

סעקרעטאַרען פון די צענטראַלע עקזעקוטיוו קאָמיטעטען:
אוואַנעסאָוו, סמאָליאַנסקי.

פאַרזיצענדער פון דעם סאָוועט פון פאָלקס קאָמיסאַרען:
וו. אוליאַנאָוו (לענין).

פאָלקס קאָמיסאַר פון אגריקולטור:
א. קאַלעגועוו.

VI

באָלשעוויזם און דעמאָקראַטיע

איז דער באָלשעוויזם דעמאָקראַטיש? — שטימט די באָל־שעוויסטישע רעוואָלוציע און די באָלשעוויסטישע האַנדלונגען מיט די אָנגענומענע כללים פון דעמאָקראַטיע? — ניין עס שטימט ניט. נאָר וועלכע רעוואָלוציע שטימט יאָ מיט די כללים פון דע־מאָקראַטיע? א רעוואָלוציע איז א גוואַלט־טהאַט און ווערט כמעט אלע מאָל דורכגעפיהרט פון אַן אָרגאַניזירטע ענטשלאָסענע מינאָ־ריטעט. קיין רעוואָלוציע ווערט ניט אָבגעשטימט דורך א רעפע־רענדום און קיין רעוואָלוציע איז ניט פאַרלאַמענטאַריש דעמאָ־קראַטיש געזעצליך.

די באָלשעוויקעס זיינען בעגאַנגען גוואַלט־טהאַטען אין זייער רעוואָלוציע, דאָס איז געוויס ניט דעמאָקראַטיש. נאָר ווי מאַכט מען א רעוואָלוציע אָהן גוואַלט־טהאַטען? וואָלט דען קערענסקים רעגירונג געקענט אַראָבגעוואָרפען ווערען אָהן גוואַלט? און האָט דען ניט קערענסקים רעגירונג אַליין ניט אָנגעווענדעט גוואַלט ווען זי האָט געוואָלט אָנהאַלטען די מאַכט?

אין רוסלאַנד זיינען פאָרגעקומען צוויי רעוואָלוציעס. די

ערשטע איז געווען הויפּטזעכליך אַ פּאָליטישע און די צווייטע — הויפּטזעכליך אַ סאָציאַלע. אין דער ערשטער האָט מען אַראָבגע־וואָרפען דעם צאַר פון זיין הערשאַפט און אין דער צווייטער — די בורזשואַזיע פון איהר הערשאַפט. ביידע רעוואָלוציעס זיינען דורכגעפיהרט געוואָרען מיט גוואַלט. און אויב מען האָט געמעגט אַראָבוואַרפען דעם צאַר מיט גוואַלט, טאָ וואָרום טאָר מען ניט אַראָבוואַרפען די פריצים און די באַנקירען מיט גוואַלט?

אַ רעוואָלוציע איז אַ מלחמה, אַ בירגער קריעג, עס קעמפט איין קלאַס מיט'ן צווייטען פאַר מאַכט, און פונקט ווי אַ מלחמה קען זיך ניט פיהרען לויט דעמאָקראַטישע כללים, אַזוי קען אויך אַ רעוואָלוציע ניט געפיהרט ווערען אויף אַ דעמאָקראַטישען שטייגער. און די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד האָט זיך דאָך נאָך ניט געענדיגט.

דער קלאַסען־קאַמף אין רעוואָלוציאָנערע צייטען, זאָגט לענין, האָט אימער אָנגענומען די אונפערמיידליכע פאָרם פון אַ בירגער־קריעג, און אַ בירגער־קריעג איז אונדענקבאַר אָהן פערניכטונג, אָהן טעראָר און אָהן דער בעשרענקונג פון דעמאָקראַטיע. מען דאַרף זיין אַ קרענקליכער סענטימענטאַליסט אַזוינס ניט צו פער־שטעהן און צו בעגרייפען.

מען בעשולדיגט די באָלשעוויקעס, אַז זיי האָבען דורך זייערע גוואַלט־טהאַטען חרוב געמאַכט רוסלאַנד. נאָר, פרעגט לענין, ווער מאַכט אָט די דאָזיגע בעשולדיגונגען? — די בורזשואַזיע און איהרע אונטערשטיצער, דיזעלבע בורזשואַזיע, וועלכע האָט כמעט אין גאַנצען פערניכטעט די קולטור פון אייראָפּאַ, דיזעלביגע בורזשואַזיע וועלכע האָט אָוועקגעשלעפּט די וועלט צוריק צו די באַרבאַרישע צייטען, און וועלכע האָט געבראַכט הונגער, פערוויסטונג און פער־ניכטונג אויף דער וועלט

די בורזשואַזיע פון דעם אינטערנאַציאָנאַלען אימפּעריאַליזם האָט צעהן מיליאָן מענשען אויסגעשלאַכטעט און צוואַנציג מיליאָן געמאַכט פאַר קאַליקעס אין איהר איצטיגער מלחמה. נאָר זאָל די מלחמה פון פּראָלעטאַריאַט, די מלחמה פון די אונטערדריקטע און עקספּלאָאַטירטע געגען די אונטערדריקער און עקספּלאָאַטאָרם קאָסטען אַ האַלבען מיליאָן קרבנות אין אַלע לענדער, וועט די בור־

זשוראַזיע דאָך נאָך אַלץ זאָגען, אַז די קרבנות פון דער וועלט מלחמה זיינען געשטאָרבען מיט אַ גערעכטען טויט, און אַז די געפאַלענע פון דעם בירגער־קריעג פון דער רעוואָלוציאָן זיינען געבראַכט געוואָרען אַלס קרבנות פאַר אַ פערברעכען.

מען רעדט וועגען פערניכטונגען, פערוויסטונגען, הונגער און כאָאָס, וואָס די רעוואָלוציע האָט געבראַכט אין רוסלאַנד. נאָר, פרעגט לענין, קען זיין עטוואָס נאָך היפאָקריטישער ווי אַזאַ בע־שולדיגונג, ווען זי קומט פון מענשען, וועלכע האָבען אונטערשטיצט די אימפעריאַליסטישע מלחמה? איז דען ניט די אימפעריאַליס־טישע מלחמה די אורזאַכע פון אַלע אונגליקען אין רוסלאַנד? די רעוואָלוציע, וועלכע איז געבאָרען געוואָרען פון דער מלחמה, מוז דורכגעהן דורך די שרעקליכע שוועריגקייטען און ליידען, וואָס די מלחמה האָט בעשאַפען. (אַ בריעף צו די אַמעריקאַנער ארבייטער פון נ. לענין).

עס הייסט, אַז לענין אַליין גיט צו, אַז ניט אַלעס ווערט אין דער איצטיגער רוסישער רעוואָלוציע געפיהרט אויף אַ דעמאָקראַ־טישען אופן, ווייל אין דער צייט פון קריעג קען מען זיך פיהרען דעמאָקראַטיש, און אַ רעוואָלוציע איז אַ בירגער־קריעג. נאָר מען דאַרף פרעגען אין אַלגעמיין: האָבען איבערהויפּט מאַרקסיסטישע סאָציאַליסטען ווען עס איז געגלויבט אין דער בורזשואַזער דעמאָ־קראַטיע? אויב יאָ, טאָ ווי אַזוי האָט מען גאָר געקענט ווען עס איז ריידען וועגען דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט? דיקטאַ־טור מיט דעמאָקראַטיע קען ניט שטימען. דיקטאַטור איז דער געגענזאַץ פון דעמאָקראַטיע. אויב מאַרקס און שפּעטער פּלעכאַ־נאָוו האָבען גערעדט וועגען דער נויטיגקייט פון דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט איינצופיהרען סאָציאַליזם, האָבען זיי דאָך ניט געקענט מיינען, אַז די דאָזיגע דיקטאַטור זאָל איינגעפיהרט ווע־רען דורך די אָנגעקומענע בורזשואַזע דעמאָקראַטישע מעטאָדען, אַז מען זאָל, למשל, געבען אויף אַ רעפערענדום אַבשטימונג צום פאָלק, אויב עס וויל האָבען אַ דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט אָדער ניט. דאָס וואָלט ניט געווען קיין דיקטאַטור, נאָר אַ פּאַרלאַמענ־טאַרישער מאַנדאַט.

ווען מיר ריידען וועגען דיקטאַטור פערשטעהן מיר, אַז עס

האַנדעלט זיך וועגן פּעכאָפּען די מאַכט מיט גוואַלט, און פערכאַ־פּען מאַכט מיט גוואַלט ווייסען מיר, אַז עס איז ניט דעמאָקראַטיש. נאָר ניט מארקס, ניט פּלעכאַנאָוו און אַלע אַנדערע סאָציאַליסטישע טעאָרעטיקער האָבען זיך געשראָקען פאַר דער עברה צו זינדיגען געגען דעמאָקראַטיע. זיי האָבען קיין מאָל ניט געהאַלטען דעמאָ־קראַטיע פאַר אַן אָבגאָט צו וועלכען מען דאַרף זיך בוקען אין יעדער צייט. זיי האָבען די דעמאָקראַטיע ניט געהאַלטען פאַר אַ ציעל נאָר פאַר אַ מיטעל דורך וועלכען דער פּראָלעטאַריאַט זאָל קענען קומען צו מאַכט. נאָר ווען דאָס דאָזיגע מיטעל זאָגט זיך אָב צו דיענען, דאַרף מען זוכען אַן אַנדער מיטעל צו קומען צום ציעל.

אונזער ביז איצטיגע דעמאָקראַטיע, דאָס הייסט די דעמאָ־קראַטיע פון דער בורזשואַזיע, איז קיין מאָל ניט געווען קיין אמת'ע דעמאָקראַטיע. די בורזשואַזיע האָט די דעמאָקראַטיע אַזוי צורעכט געמאַכט, אַז זי זאָל אָמבעסטען קענען דיענען איהרע אינטערעסען און פערזיכערען איהר מאַכט, די מאַכט פון אַ מינאָריטעט. די בורזשואַזיע האָט די גאַנצע מאַשינערי פון דער זאָגענאַנטער דעמאָ־קראַטיע אין איהרע הענד. זי האָט אַלע מיטלען צו בעאיינפלוסען די מאַסען, זי קאָנטראָלירט די צייטונגען, זי קאָנטראָלירט די פער־זאַמלונגס־לאָקאַלען, זי קען דירעקט אָדער אינדירעקט אונטער־קויפען די וועהלער און זי קען די גאַנצע דעמאָקראַטיע אַזוי פאַל־סיפיצירען, אַז ניט די מעהרהייט זאָל רעגירען, נאָר די מענדהייט, ניט די פאָלקס־מאַסען נאָר די בורזשואַזיע. מיר האָבען אין אַמע־ריקאַ, למשל, דאַכט זיך אַ גאַנץ ברייטע דעמאָקראַטיע מיט אַלגע־מיינע שטימרעכט, דאָך ווייסען מיר, אַז אונזער דעמאָקראַטיע איז אַזוי צורעכט געמאַכט, אַז ווען עס קומט צום שטימען האָבען מייסטענס 30 אָדער 35 פּראָצענט פון די בירגער, צוליעב וועלכער עס איז אורזאַכע קיין רעכט ניט צו שטימען. און געוועהנליך זיי־נען אָט די 30 אָדער 35 פּראָצענט פון די פאָלקס־מאַסען און ניט פון דער בורזשואַזיע. דער פאַקט איז, אַז אין אַמעריקאַ רעגירט די בורזשואַזע מינדערהייט. און אַזוי איז דאָס אויך אין ענגלאַנד, אין אַנדער דעמאָקראַטיש לאַנד.

אין דער אמת האָבען מיר אין די אַלע זאָגענאַנטע דעמאָקראַ־טישע לענדער אַ קאַפּיטאַליסטישע דיקטאַטור אַנשטאַט אַ פאָלקס־

הערשאַפט. היינט ווארום איז אַ קאַפּיטאַליסטישע דיקטאַטור יאָ דעמאָקראַטיש און אַ פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור ניט?

עס וואָלט זיכער געווען בעסער פאַר דעם פּראָלעטאַריאַט, ווען ער וואָלט געקענט אַריינקריגען די מאַכט אין זיינע הענד דורך דע־מאָקראַטישע וועגען און מיטלען. די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע וואָלט דאַן דורכגעפיהרט געוואָרען מיט אַ סך ווייניגער קרבנות, אָבער ניט אַלע מאָל איז די לאַגע פאַר דעם פּראָלעטאַריאַט אַזאַ גינסטיגע, אַז ער זאָל קענען זיך בענוצען בלויז מיט דעמאָקראַטיע. גאַנץ ריכטיג בעמערקט לעאָן טראָצקי:

„אויב אפילו אין דעם לעצטען אַנאַליז לוינט בעסער דעם פּראָלעטאַריאַט אַריינצובריינגען זיין קלאַסען־קאַמף און אפילו זיין דיקטאַטור דורך וועגען פון דעמאָקראַטישע איינריכטונגען, איז דאָך דערפון ניט געדרונגען, אַז די געשיכטע גיט איהם אַלע מאָל די געלעגנהייט צו קומען צו אַזאַ גליקליכען אויסגאַנג. פון קיין אָרט אין דער מאַרקסיסטישער טעאָריע קען מען ניט דרינגען, אַז די געשיכטע בעשאַפט אַלעמאָל אַזעלכע בעדינגונגען, וועלכע זיינען די גינסטיגע פאַר דעם פּראָלעטאַריאַט“.

און ריידענדיג וועגען דעמאָקראַטיע דאַרף מען האָבען אין זינען, אַז עס זיינען פאַראַן צווייערליי מינים דעמאָקראַטיע: פּאָליטישע דעמאָקראַטיע און סאָציאַלע דעמאָקראַטיע. אין רוס־לאַנד איז פאָרגעקומען אַ פּאָליטישע רעוואָלוציע און אַ סאָציאַלע. דאָס רוסישע פאָלק האָט פאַר זיך צוויי גרויסע, ריעזיגע אויפ־גאַבען: אויסבויען אַ פּאָליטישע דעמאָקראַטיע און אַ סאָציאַלע דעמאָקראַטיע, און די פראַגע איז אויף וועלכער פון די צוויי זאָל עס אין דעם מאָמענט לעגען מעהר געוויכט. די דאָזיגע פראַגע בעטראַכט פּראָפעסאָר לאָמאָנסאָוו אין זיינעם אַן אַרטיקעל אין דעם צוויי־וועכענטליכען זשורנאַל „דהי דאיעל“. ער זאָגט דאָס פאָלגענדע:

וואָס איז שייך צו דער אָרגאַניזירונג פון שטאַאַט (דאָס הייסט אָרגאַניזירען דאָס פּאָליטישע לעבען אין רוסלאַנד), האָט די סאָוויעט רעגירונג בעשלאָסען, אַז אין דעם מאָמענט קען די פּראַ־גע אָבגעלעגט ווערען. רוסלאַנד געפינט זיך אין די געבורט־וועהען פון אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע און אין מיטען פון אַ קאַמף

מיט אינערליכע און אויסערליכע שונאים. רוסלאַנד ווערט געבויט פון דעם איינפאַכען פאָלק, דורך די פּויערים — לאַנגזאַם, פּעסט און אָהן אַ בעשטימטען פּלאַן. פאָראויסזאָגען אין וועלכע פאָרמען רוסלאַנד וועט ענדליך אויסגעבויט ווערען, איז היינט דורכאויס אונמעגליך. עס קען אָבער דאָך געזאָגט ווערען מיט בעשטימטהייט, אַז די איצטיגע איבערבויאונג פון רוסלאַנד איז ניט דאָס לעצטע וואָרט פון דער רוסישער רעוואָלוציע. דאָס וואָרט „סאָוועט" וועט, ווי עס זעהט אויס, פערבלייבען ביי אונז אויף בעשטענדיג. דאָס רוסישע פאָלק האָט עס ליעב בעקומען. די סאָוועטען זיינען אויך איינגעפיהרט געוואָרען אין דייטשלאַנד, אָבער דער געדאַנק פון דעם וואָרט „סאָוועט" וועט אין דער צוקונפט מעהר פערפאָלקאָמט ווערען. עס דאַרף אָבער גענומען ווערען אין בעטראַכט, אַז דער שטרייט וואָס האָט צושפּאָלטען די רוסישע געזעלשאַפט אין צוויי אונקאָמפּראָמיסליכע לאַגערען, האָט גאָרנישט צו טהאָן מיט דעם געדאַנק, וואָס דאָס וואָרט „סאָוועט" דאַרף אין זיך פערקערפּערען. דער שטרייט בעריהרט ניט די אידעאַלען פון דער צוקונפט, נאָר ער האָט צו טהאָן מיט דער טאַקטיק פון דער געגענוואַרט, פון היינט. איין צד זאָגט, אַז צו אַלערערשט איז נויטיג צו אָרגאַניזירען רוסלאַנד פּאָליטיש, איהר געבען אַ בעשטימטע פּאָליטישע פאָרמע, צו גרינדען אַ פעסטע בעשטענדיגע רעגירונג און די סאָציאַלע פּראָבלעמען זאָלען בּיסלעכווייז און לאַנגזאַם געלעזט ווערען. זיי זאָגען, אַז עס איז ניט אין די קרעפטען פון דעם רוסישען פאָלק דורכצופיהרען אַ פּאָליטישע און אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע מיט איין מאָל, און מען דאַרף זיך דעריבער פאָרלויפיג צופרידענשטעלען מיט אַ פּאָליטישע רעוואָלוציע אליין, וועהרענד די סאָציאַלע רעפאָרמען וועלען שוין מוזען איינגעפיהרט ווערען אויף אַ פריעדליכען אופן, דורך עוואָלוציע. זיי זאָגען נאָך עטוואָס. זיי בעהויפּטען, אַז דאָס רוסישע פאָלק איז יונג און אונוויסענד; אַז די צייט איז נאָך ניט געקומען פאַר איהם צו ענטשיידען אליין זיין גורל; אַז דאָס פאָלק ווייס נאָך אַליין ניט וואָס עס בעדאַרף, דאָס ווייסען בלויז די פערטרעטער פון די ראַדיקאַלען און די סאָציאַליסטישע אינטעליגענציע, און דעריבער דאַרף די אינטעליגענציע רעגירען

איבער דעם אונוויסענדען פאָלק, עס בילדען, ערציהען און פאַר־בעריימען אז עס זאָל זיך נאָכדעם קענען אליין רעגירען.

דער צווייטער צד אָבער זאָגט, אז די ערפאַהרונג פון די ער־שטע צוויי פראָוויזאָרישע רעגירונגען פון דער רוסישער רעוואָ־לוציע און בעזונדערש פון דער דריטער — די אמסקער רעגירונג, וועלכע ליעגט ביי קאָלטשאַקען אין קעשענע — קען דיענען אלס א גענוגענדע ווארנונג ניט צו מאַכען נאָך א מאָל א פעהלער. דער צווייטער צד איז טיעף איבערצייגט, אז דאָס רוסישע פאָלק איז מעהר פון אלץ פעראינטערעסירט אין סאָציאַלע רעפאָרמען און עס פערלאַנגט, אז די דאָזיגע רעפאָרמען זאָלען גלייך דורכגעפיהרט ווערען דורך רעוואָלוציאָנערע מיטלען. יאָ, דאָס רוסישע פאָלק איז אונוויסענד און ניט קולטיווירט, אָבער עס האָט שכל. דאָס רוסישע פאָלק וועט זיך איינשאַפען די נויטיגע וויסענשאַפט אין דעם פראָצעס פון דער איבערבויאונג פון רוסלאַנד, וואָס עס האָט אויף זיך גענומען. עס איז אמת, אז אָהן דער אינטעליגענציע קען דאָס פאָלק אפשר ניט אויסקומען, אָבער עס וויל אויסקלייבען פון דער אינטעליגענציע די יעניגע, וועלכע ווילען איהם דיענען אָבער ניט די יעניגע, וועלכע ווילען איבער איהם רעגירען געגען זיין ווילען. די אונוויסענהייט פון די רוסישע מאַסען מוז נאַטירליך שטערען דעם שנעלען גאַנג פון דער רוסישער רעוואָלוציע. איך ווידערהאָל, אז רוסלאַנד ווערט איבערגעבויט דורך די פויערים — לאַנגזאַם, פעסט און אָהן א בעשטימטען פלאַן. אין דעם דאָזיגען פראָצעס פון איבערבויען מוז פיעלעס אראָבגעריסען ווערען. עס איז אויך ריכטיג, אז עס איז איבער די קרעפטען פון דעם רוסישען פאָלק דורכצופיהרען א פאָליטישע און א סאָציאַלע רעוואָלוציע מיט איין מאָל. נו, האָט דאָס רוסישע פאָלק בעשלאָסען צו ערשט זיך נעהמען אויסבויען א נייע סאָציאַלע אָרדנונג, און ווען די דאָ־זיגע נייע סאָציאַלע אָרדנונג וועט זיך האָבען אויסגעבילדעט אין א בעשטימטע פאָרם, וועט דאָס רוסישע פאָלק אָנפאַנגען די פאָ־ליטישע קאָנסטרוקציע פון רוסלאַנד.

און מען קען שוין היינט פאָראויסזאָגען, אז פאַר דער נייער סאָציאַלע אָרדנונג וועלען זיין נויטיג נייע פאָליטישע פאָרמען. מען קען אויך היינט פאָראויסזאָגען, אז ניט די פראַנצויזישע און

ניט די אַמעריקאַנער בגדים וועלען פּאַסען דעם פרייען רוסישען פּויער; עס וועט זיין נויטיג צו נעהען ספּעציעלע רוסישע בגדים פון אַ נייעם שניט. אַזאַ אַרבייט פאָדערט אָבער צייט און פאַר־זיכטיגקייט. אַ אַלט רוסיש שפּריכוואָרט זאָגט: „מעסט דאָס צייג זיעבען מאָל און שנייד בלויז איין מאָל". פון אַלע קאָנסטי־טוציעס, וועלכע זיינען געשריבען געוואָרען אויף אונזער ערד, האָט זיך די אַמעריקאַנער אַרויסגעוויזען אַלס די בויגזאַמסטע. זי איז געשריבען געוואָרען אין יאָהר 1787, מיט זיעבעצעהן אַמענדמענטס, און זי לעבט נאָך היינט. אָבער מען דאַרף דאָך ניט פערגעסען, אַז די אַמעריקאַנער קאָנסטיטוציע איז געשריבען געוואָרען אין עלף יאָהר אַרום נאָך דער ערקלערונג פון אַמעריקאַס אונהאַבהענ־גיגקייט (נאָך דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע). טאָ וואָרום זאָל מען פערלאַנגען פון רוסלאַנד, אַז זי זאָל אויפשרייבען איהר פּאָ־ליטישע קאָנסטיטוציע אין אַ פאָלשטענדיגער בעשטימטער פאָרם אין איין יאָהר נאָך איהר רעוואָלוציע? און די רוסישע רעוואָלו־ציע איז דאָך פיעל אַ גרעסערע, פיעל אַ טיעפערע ווי די אַמעריקאַ־נער רעוואָלוציע פון יאָהר 1776.

אָט אַזוי פערשטעהט די לאַגע אין רוסלאַנד פּראָפעסאָר לאָ־מאָנסאָוו, ניט קוקענדיג אויף דעם וואָס ער איז אין פיעלע זאַכען מיט די באָלשעוויקעס ניט איינפערשטאַנען. אין קורצען הייסט עס אַזוי: דאָס רוסישע פאָלק האָט צוויי גרויסע אויפגאַבען דורכ־צופיהרען, עס האָט געמאַכט אַ פּאָליטישע רעוואָלוציע און אַ סאָ־ציאַלע, עס דאַרף איצט אויסבויען אַ פּאָליטישע דעמאָקראַטיע פאַר רוסלאַנד און אַ סאָציאַלע דעמאָקראַטיע, אָבער עס פעהלען דעם רוסישען פאָלק קרעפטען אויסצובויעןביידע מיט אַ מאָל, איינע פון די ביידע דעמאָקראַטיען מוז אויף אַ קורצע צייט אָבגעלעגט ווערען, און עס האָט בעשלאָסען אָבצולעגען די פאָרלויפיגע אויס־בויאונג פון דער פּאָליטישער דעמאָקראַטיע און זיך בעסער פריהער גענומען אויסבויען די סאָציאַלע דעמאָקראַטיע. עס הייסט, אַז זינדיגען געגען דער דעמאָקראַטיע וואָלט סאַי ווי סאַי אויסגעקומען. מאָ איז שוין בעסער זינדיגען געגען דער פּאָליטישער דעמאָקראַ־טיע, איידער געגען דער סאָציאַלער.

נאָר ווי אונדעמאָקראַטיש די סאָוועטען רעגירונג זאָל ניט

זיין, איז זי דאָך דעמאָקראַטישער ווי וועלכע עס איז פון די בור־זשואזע דעמאָקראַטיען. זי איז דאָך די איינציגע רעגירונג, וועל־כע פערטרעט די אינטערעסען פון דער גרויסער איבערוועגענדער מעהרהייט פון פאָלק, פון די גרויסע ארבייטענדע מאַסען. די בור־זשואזיע מיט דער אינטעליגענציע אין רוסלאַנד שטעלען דאָך מיט זיך פאַר א גאַנץ קליינעם, אונבעדייטענטען פּראָצענט פון דעם רו־סישען פאָלק. און אויב מען קען אָנרופען א דעמאָקראַטיע, ווען א בורזשואזע מינדערהייט רעגירט געגען די אינטערעסען פון דער גרויסער מעהרהייט, דאַן זיינען די סאָוועטען, וועלכע רעגירען אין די אינטערעסען פון דער גאַנץ גרויסער מעהרהייט פון רוסישען פאָלק זיכער א דעמאָקראַטיע.

VII

די רוסישע באָלשעוויקעס און די דייטשע ספּאַרטאַקען.

די סאָוועטען, אַ ריין רוסישע ערפינדונג, די גרעסטע ערפינ־דונג, וואָס דאָס רוסישע פאָלק האָט געמאַכט, האָבען געפונען דעם בעסטען אָבקלאַנג ביי אַלע רעוואָלוציאָנערען פון דער וועלט. אין יעדען לאַנד, וואו א רעוואָלוציע האָט די לעצטע צייט אויסגעבראָ־כען, זיינען גלייך געגרינדעט געוואָרען סאָוועטען.

די דייטשען האָבען אין דעם פּרט פיעל געלערנט פון דער רו־סישער רעוואָלוציע. די רוסישע באָלשעוויקעס האָבען איבערהויפּט א גרויסען חלק אין דער דייטשער רעוואָלוציע, זיי האָבען אין איהר א רעכט ביסעל ארבייט און געלד אריינגעלעגט. דער באָלשעוויס־טישער אַמבאַסאַדאָר יאָפע, וועלכע איז געזעסען אין בערלין, האָט זיך ניט בעשעפטיגט מיט דיפּלאָמאַטיע און האָט זיך ניט אונטער־האַלטען מיט די דיפּלאָמאַטישע פערטרעטער פון קאַיזער ווילהעלם אָדער מיט די דיפּלאָמאַטען פון אַנדערע לענדער. יאָפע איז געזע־סען אין בערלין און האָט געהאָלפען צוגרייטען די רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד. די רוסישע אַמבאַסאַדע אין בערלין איז געווען א קאָנספּיראַטיווע רעוואָלוציאָנערע קוואַרטיר. מען האָט דאָרטען גע־

דרוקט רעוואָלוציאָנערע ליטעראַטור און רעוואָלוציאָנערע פּראָקלאַ־מאַציעס פאַר דעם דייטשען פאָלק. יאָפּע איז געשטאַנען אין אַן ענגער פערבינדונג מיט דער ספּאַרטאַקוס גרופּע, מיט קאַרל ליב־קנעכט, מיט ראָזאַ לוקסעמבערג, מיט פראַנץ מעהרינג, מיט קלאַרא צעטקין און מיט אַנדערע דייטשע רעוואָלוציאָנערען.

דער נאָמען „ספּאַרטאַקוס" איז גענומען געוואָרען פון דער אַלטער רוימישער געשיכטע, וואו עס ווערט דערציילט וועגען דער גרויסער מלחמה, וואָס דער געוועזענער רוימישער שקלאַף ספּאַרטאַקוס האָט מיט אויסערגעוועהנליכער העלדישקייט געפיהרט געגען די רוימישע הערשער, צונויפקלייבענדיג אַרום זיך אַ גרויסע אַרמעע פון געוועזענע שקלאַפען. די דייטשע רעוואָלוציאָנערען האָבען אויסגעקליבען דעם נאָמען פאַר זיך אַלס אַ סימבאָל פאַר דעם בעפרייאונגס־קאַמף פון דעם פערשקלאַפטען אַרבייטער קלאַס.

דער באָלשעוויזם איז אָבער ניט קיין אַבסטראַקטע טעאָריע, וועלכע קען זיך צופּאַסען צו אַלע פעלקער און צו אַלע לענדער. דער באָלשעוויזם איז פיעל מעהר אַ רעוואָלוציאָנערע מעטאָדע, אַ רע־וואָלוציאָנערע פּראַקטיק, וואָס דאַרף צוגעפּאַסט ווערען צו די אומ־שטענדען און די בעדינגונגען פון יעדען לאַנד און פאָלק בעזונדער. די בעדינגונגען אין דייטשלאַנד זיינען אָבער גאַנץ אַנדערע ווי אין רוסלאַנד.

אין רוסלאַנד וועט עס אפשר נעהמען מעהר צייט איינצופיהרען דעם סאָציאַליזם, ווייל רוסלאַנד איז ריקשטענדיג אין איהר אינ־דוסטריעלער ענטוויקלונג און אַ סך כחות וועלען דאַרפען אָנגע־ווענדעט ווערען צו אָרגאַניזירען די רוסישע אינדוסטריע און איהר צו ענטוויקלען. דערפאַר אָבער איז עס לייכטער געווען פאַר דעם אַרבייטער קלאַס צו פערכאַפּען די מאַכט. ווייל אין רוסלאַנד איז דער קאַפּיטאַליזם ניט שטאַרק ענטוויקעלט איז דאָרטען אויך ניט פאַראַן קיין שטאַרקער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס, וואָס זאָל קענען אַרויסווייזען אַ שטאַרקען ווידערשטאַנד. עס איז פאַר דעם רוסי־שען אַרבייטער קלאַס מיט דער הילף פון די פּויערים ניט געווען שווער צו בעזיעגען די שוואַכע רוסישע בורזשואַזיע, וועלכע איז ניט נאָר קליין אין צאָהל, נאָר אויך שוואַך אָרגאַניזירט.

אין דייטשלאַנד וועט אפשר נעהמען ווייניגער צייט איינצופיה־

רען דעם סאָציאַליזם, ווייל דייטשלאַנד איז אַ העכסט אינדוסטריעלע לאַנד. איהר אינדוסטריע און איהר טעכניק שטעהען אויף זעהר אַ הויכע שטופע פון ענטוויקלונג און עס דארף ניט נעהמען פיעל צייט דייטשלאַנד צו סאָציאַליזירען, עס איז אָבער ניט אזוי לייכט צו בעזיעגען די דייטשע בורזשואזיע. ווייל דער קאַפּיטאַליזם איז אין דייטשלאַנד אזוי שטאַרק ענטוויקעלט איז דאָרטען אויך פאַראַן אַ שטאַרקער, גוט אָרגאַניזירטער בורזשואזער קלאַס, וועלכער קען ארויסווייזען אַ שטאַרקען ווידערשטאַנד.

די געמעסיגטע דייטשע סאָציאַליסטען האָבען אויך עטוואָס געלערענט פון דער רוסישער רעוואָלוציע. זיי האָבען גלייך אין אָנפאַנג אויסגעמידען די פעהלער, וואָס קערענסקי מיט די רוסישע מענשעוויקעס זיינען בעגאַנגען צו מאַכען חברותה מיט די בורזשואזע פּאַרטייען אין דער צונויפשטעלונג פון אַ פּראָוויזאָרישער רעגירונג. די דייטשע מעסיגע סאָציאַליסטען האָבען גלייך אין אָנפאַנג צו־נויפגעשטעלט אַ פּראָוויזאָרישע רעגירונג פון בלויז סאָציאַליסטען, טיילענדיג זיך די מאַכט גלייך אויף גלייך מיט די אונאבהענגיגע סאָציאַליסטען. דערמיט האָבען זיי גלייך געוואונען די גרויסע אר־בייטער־מאַסען אויף זייער זייט. די דייטשע פּראָוויזאָרישע רעגי־רונג האָט אויך פון אָנפאַנג אויסגעמידען צו קומען אין אַ קאָנפליקט מיט די סאָוועטען. אין געגענטייל. זי האָט גלייך אנערקענט די סאָוועטען אַלס די העכסטע רעגירונגס־מאַכט, ביז די גרינדונגס־פער־זאַמלונג וועט צונויפגערופען ווערען. עבערט און שיידעמאַן האָבען אזוי געפיהרט, דאָס די סאָוועטען זיינען געשטאַנען אויף זייער זייט.

דערצו דארף גענומען ווערען נאָך עטוואָס אין בעטראַכט. די דייטשע סאָציאַלדעמאָקראַטישע פּאַרטיי איז אַן אַלטע, איינגעפונ־דעוועטע, דיסציפּלינירטע אָרגאַניזאַציאָן, וועלכע קען ניט אזוי שנעל אריבערגעצויגען ווערען אויף דער זייט פון אַ קליינער גרופּע, ווי די ספּאַרטאַקען זיינען געוועזען אין אָנפאַנג פון דער דייטשער רע־וואָלוציע. דער אריינטריט פון די אונאבהענגיגע סאָציאַליסטען אין דער פּראָוויזאָרישער רעגירונג האָט די לאַגע פון די מעסיגע סאָציאַליסטען נאָך מעהר פערשטאַרקט. די בורזשואזע דעמאָקראַ־טיע ווירדער, וועלכע איז גוט אָרגאַניזירט, און בעזיצט נאָך אַ גרויסע מאַכט אין דייטשלאַנד, האָט געשטיצט די פּראָוויזאָרישע

רעגירונג. זי האָט איהר געשטיצט ניט אוים ליעבע צו איהר, נאָר אוים מורא פאַר די רעוואָלוציאָנערע ספּאַרטאַקען.

די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי איז געווען פאַר דער מלחמה איינע פון די וואונדערבארסטע אָרגאַניזאַציאָנען אין דער וועלט. ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס אין איהר האָבען עק־זיסטירט אַזעלכע גרויסע און טיעפע־מיינונגס־פערשיידענהייטען, האָט זי זיך דאָך געהאַלטען אייניג. עס האָבען אין איהר געאַרבייט צוזאַמען אַזעלכע רעוואָלוציאָנערע סאָציאַל־דעמאָקראַטען ווי פראַנץ מעהרינג, דר. קאַרל ליעבקנעכט און ראָזא לוקסעמבורג און אַזעלכע מעסיגע סאָציאַליסטען ווי דאַוויד, זידעקום, לאַנדסבערג און נאָסקע. דאָס געפיהל פון אָרגאַניזאַציאָן און דיסציפּלין אין דער דייטשער ארבייטער בעוועגונג האָט געהאַלטען צוזאַמען אין איין פּאַרטיי אַזעלכע צוויי עקסטרעמען און האָט זיי געצוואונגען צו טהאָן גע־מיינשאַפטליכע ארבייט. די מלחמה האָט אָבער געבראָכען די איי־ניגקייט אין דער דייטשער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און זי האָט זיך צושפּאָלטען אין דריי טיילען: אין רעגירונגס־סאָציאַליסטען (מעהרהייטס סאָציאַליסטען אָדער מעסיגע), אין אונאַבהענגיגע סאָ־ציאַליסטען (מינדערהייט) און אין קאָמוניסטען (ספּאַרטאַקען אָדער באָלשעוויקעס). א פּאָלשטענדיגע בעשטימטע ריכטונג האָבען געהאַט בלויז די צוויי עקסטרעמען — די מעהרהייטס סאָציאַליס־טען, געפיהרט פון עבערט און שיידעמאַן, און די קאָמוניסטען, גע־פיהרט פון קאַרל ליעבקנעכט און ראָזא לוקסעמבורג. א וועניגער בעשטימטע ריכטונג האָבען ארויסגעוויזען די אונאַבהענגיגע סאָ־ציאַליסטען, געפיהרט פון הוגאָ האאַזע, געאָרג לעדעבור און אָסקאַר קאָהן. די אונאַבהענגיגע האָבען זיך אַמאָל געוואָרפען לינקס און אַמאָל רעכטס. און אַזוי אונבעשטימט זיינען זיי אויך געווען, ווען די רעוואָלוציע האָט אויסגעבראָכען. זיי זיינען ארויסגעטראָטען אַלס אַן אָפּאָזיציע געגען עבערט און שיידעמאַן, אָבער זיי זיינען דאָך אריינגעטרעטען אין דער פּראָוויזאָרישער רעגירונג, וועלכע איז צונויפגעשטעלט געוואָרען פון עבערט און שיידעמאַן, און זיי האָ־בען דערמיט פערשטאַרקט די פּאָזיציע פון די מעסיגע סאָציאַליס־טען. די ווייטערדיגע ענטוויקלונג פון דער רעוואָלוציע האָט אָבער געטריבען די אונאַבהענגיגע סאָציאַליסטען מעהר לינקס, נעהנטער

צו די ספּאַרטאַקען. זיי זיינען אַרויסגעטרעטען פון דער רעגירונג און אָנגעפאַנגען אַ קאַמף געגען די מעסיגע סאָציאַליסטען.

די ספּאַרטאַקען אין דייטשלאַנד האָבען דערצו גלייך אין אָנפאַנג פון זייער קאַמף פערלאָרען זייערע הויפּט־פיהרער. קאַרל ליעבקנעכט און ראָזאַ לוקסעמבורג זיינען פּעררעטעריש ערמאָרדעט געוואָרען, און דער אַלטער פראַנץ מעהרינג, דער טעאָרעטיקער פון די ספּאַר־טאַקען, איז געשטאָרבען. די ספּאַרטאַקוס בעוועגונג האָט דורך דעם פערלוסט פון איהרע פיהרער זעהר שטאַרק געליטען. זי האָט פיעל געוואונען אין שוואונג, אָבער האָט פיעל פערלאָרען אין פּלאַנ־מעסיגקייט. און פּלאַנמעסיגקייט אין קאַמף איז אין דייטשלאַנד פיעל נויטיגער ווי אין רוסלאַנד. אויסער וואָס די עבערט־שיידע־מאַן רעגירונג איז בעסער אָרגאַניזירט און שטאַרקער געשיצט, ווי די קערענסקי רעגירונג איז געווען אין רוסלאַנד, איז דערצו דייטש־לאַנד פיעל קלענער ווי רוסלאַנד און די רעגירונג קען שנעלער קאָנ־צענטרירען איהרע קרעפטען צו בעקעמפפען איהרע געגנער.

די דייטשע באָלשעוויקעס, די ספּאַרטאַקען הייסט עס, האָבען פאַר זיך געהאַט אַ גאַנץ אַנדער לאַגע און גאַנץ אַנדערע בעדינגונגען, ווי די רוסישע באָלשעוויקעס. דאָך האָבען זיי דערגרייכט גאַנץ גרויסע ערפאָלגען. זיי האָבען די דייטשע רעוואָלוציע שוין ביז איצט אַ רעכט ביסעל פּערטיעפט. די דייטשע רעוואָלוציע איז אין דער לעצטער צייט געטריבען געוואָרען פיעל מעהר לינקס, ווי מען האָט עס געקענט ערוואַרטען. די גרינדונגס־פערזאַמלונג אין ווייםאַר האָט שוין געמאַכט אַ גרויסען קאָמפּראָמיס מיט די סאָוועטען. זי האָט זיי קאָנסטיטוציאָנעל געמאַכט פאַר אַ טייל פון דער רעגירונג און האָט איבערגעגעבען אין זייער קאָנטראָל די עקאָנאָמישע, אינדוסטריעלע און סאָציאַלע געזעצגעבונג און די סאָ־ציאַליזירונג פון די אינדוסטריען פון לאַנד.

די ספּאַרטאַקען אין דייטשלאַנד ווייזען אַרויס ניט וועניגער קאַמפפס־מוט ווי די באָלשעוויקעס האָבען עס אַרויסגעוויזען אין אָנפאַנג פון דער רוסישער רעוואָלוציע. די ספּאַרטאַקען האָבען אין די ערשטע דריי חדשים פון דער דייטשער רעוואָלוציע זאָגאַר פיעל מעהר אויפגעטהאָן, ווי די באָלשעוויקעס אין די ערשטע דריי חדשים פון דער רוסישער רעוואָלוציע.

שלום וואָרט.

קיינער פון אונז קען ניט פאָרויסזעהן און פאָרויסזאָגען דעם סוף פון דעם גרויסען ריעזיגען קאמפף פון דעם פּראָלעטאריאט אין רוסלאנד און אין דייטשלאנד. עס גלויבט זיך און עס ווילט זיך גלויבען, אז די שונאים פון דער סאָוועטען־רעגירונג, די אינוועניג־סטע און די אויסווענינסטע, וועלען מיט אַלע זייערע אָנשטרענגונגען ניט קענען ברעכען איהר מאכט. עס גלויבט זיך און עס ווילט זיך גלויבען, אז די סאָוועטען רעגירונג וועט גובר זיין אַלע איהרע שונאים. אָבער אויב אפילו דאָס אונערוואַרטעטע און דאָס אונ־מעגליכע זאָל פּאסירען, אז די פעראייניגטע כוחות פון דער רעאַק־ציע אין רוסלאנד און אויסער רוסלאנד וועט זיך איינגעבען צו בעזיגען די מלוכה פון ארבייט, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרען דורך די בעפרייטע כוחות פון די רוסישע פאָלקס־מאסען, וועט אויך דאן דער זיעג פון פינסטערניש זיין א צייטווייליגער.

צום ערשטען מאָל אין דער געשיכטע פון דער מענשהייט האָט דאָס פאָלק, די ווירקליכע מעהרהייט פון פאָלק געקראָגען די רע־גירונגס־מאכט. דאָס ערשטע מאָל אין דער וועלט־געשיכטע האָבען די ארבייטענדע מאסען אראָבגעוואָרפען פון זיך דעם יאָך פון זייערע עקספּלאָאטאטאָרען און זיינען געוואָרען זייערע אייגענע רעגיערער און זייערע אייגענע געזעצגעבער, און עס איז מעהר ניטאָ קיין מאכט אין דער וועלט, וואָס זאָל קענען די דאָזיגע בעפרייטע אר־בייטענדע פאָלקס־מאסען צוריק פערשקלאַפען. עס איז מעגליך, אז דורך ביקסען, באַיאָנעטען און קאנאָנען קען די וועלט־בורזשואזיע אויף א ווייַלע ארויסרייסען די רעגירונגס־מאכט פון די ארבייטער־הענד און זי צוריק איבערגעבען אין די הענד פון דער רוסישער בורזשואזיע, אָבער זי קען עס טהאָן בלויז אויף א ווייַלע. א נייע רעוואָלוציע מיט נאָך מעהר מאכט און קראַפט וועט זיך באלד אויפ־הויבען און וועט אָבראמען ווי א מעכטיגער שטורם־ווינד די בור־

זשואַזע הערשאַפט פון דער גאַנצער וועלט, ניט בלויז פון רוסלאַנד אליין.

דער רוסישער רעוואָלוציאָנער פּראָלעטאַריאַט האָט געמאַכט אַ העכסט דרייסטען, ריזיקאַלישען שריט ער האָט געמאַכט די גרעסטע פּאָליטישע רעוואָלוציע און די ערשטע אמת'ע סאָציאַלע רעוואָלוציע אין דער וועלט. מען האָט געדאַרפט האָבען דעם גרעסטען העלדענ־מוט און אַן אונבעשרענקטען גלויבען אין די רעוואָלוציאָנערע כוחות פון פאָלק אַזאַ געוואַגטען שריט צו מאַכען, און אין דעם ליעגט די גרויסע צויבער־קראַפט פון דער רוסישער רעוואָלוציע.

די וועלט־געשיכטע האָט ניט קיין ביישפּיעלען, מיט וועלכע די רוסישע רעוואָלוציע קען פערגליכען ווערען. זי איז איינציג אין איהר אַרט. אַזאַ רעוואָלוציע איז נאָך אויף דער וועלט ניט גע־ווען. אַלע אונזערע טעאָריען, אַלע אונזערע אויסרעכענונגען און פאָרויסזאָגונגען בעגרינדען זיך אויף איבערלעבטע פאַקטען, אויף דער פּראַקטיקע פון לעבען. די רוסישע רעוואָלוציע שאַפט אָבער איצט נייע פאַקטען, און אַ נייע פּראַקטיק, און זי איז נאָך מיט איהר ריעזיגער אַרבייט ניט פאַרטיג. מיר דאָ, אויף דער זייט פון ים, שטעהען מיט אַ פערהאַלטענעם אָטעם און קוקען פון וויטען ווי אַ נייע וועלט ווערט בעשאַפען. מיר זעהען די געבורטס־וועהען פון אַ נייער געזעלשאַפטליכער אָרדנונג, וועלכער קומט אויף דער וועלט. ניט בלויז אַן איבערבויאונג פון דער וועלט קומט איצט פאָר, נאָר אַ נייע יצירה, אַ נייע שאַפונג, נייע ששת ימי בראשית. גרויס און שטאַרק זיינען די שטערענדע כוחות, אָבער נאָך גרעסער און שטאַרקער זיינען די שאַפענדע און בויענדע כוחות, און דער זיעג געהערט צו די שאַפער און די בויער פון דער נייער וועלט, די וועלט פון אמת'ער גלייכהייט, פון אמת'ער פרייהייט, אָהן הער־שער און אָהן בעהערשטע, אַ וועלט וואו עס וועט רעגירען די מלוכה פון אַרבייט.